STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02332

DER INTERNATSYONALER ARBETER ORDN

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

געשיכטע — פּראָגראַם — טאַקטיק.

אין אויפטראַג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן.

פון

מ. אָלגין

ניו יאָרק. 1931

דער אַרבעטער־אָרדן — אַ רעזולטאַט פון לאַנגע קאַמפן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן איז אַ פאַקט. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט זיך די נייע אָרגאַניזאַציע פעסט אוועקגעשטעלט אין די אַרבעטער־רייען. די אַרבעטער־מאַסן האָבן אויפגענומען דעם אָרדן מיט גרויס אינטערעס. נייע מיטגלידער שטראָמען אַריין מיט יעדן חודש. די מעטיקייט פון דעם אָרדן איז גרייט און זיכער. דער אָרדן פונקציאָנירט, אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין געווען אויף דער וועלט אַ לאַנגע צייט.

דאָס איז ניט קיין צופאַל. עס איז אויך ניט קיין וואונדער. דער פּראָלעטאַרישער אָרדן האָט עקזיסטירט אין געדאַנק און אין די שטרעבונגען פון די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין אַ משך פון יאָרן. דער קאַמף פאַר אַ פּראָלעטאַרישן אָרדן האָט זיך לאַנג געפירט מיט עקשנות און מיט אַ ברען. דער דאָזיקער קאַמף איז פאַרשריבן מיט העלע אותיות אין דער געשיכטע פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף פאַר די לעצטע צען יאָר.

נאָך צוריק זעקסטהאַלבן יאָר, אין מאַי 1925, האָט דער שרייבער פון אָט די שורות געשריבן פאַר דער לינקער אָקציאָנס־קאָמיטע אינם אַרבעטער־רינג אַ בראָשור אונטערן נאָמען: „דער קלאַסן־קאַמף אינם אַרבעטער־רינג". אין יענער בראָשור איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־רינג איז צעשפּאָלטן געוואָרן אין צוויי קלאַסן; אַז אויב אַמאָל, דערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן, איז דער אַרבעטער־רינג באַשטאַנען פון אַ מערהייט אַרבעטער מיט אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג, האָבן זיך ביסלעכווייז אַריינגעשמוגלט אין אָרדן באַלעבאַטישע עלעמענטן; פון דער אַנדערער זייט איז אַ טייל געוועזענע אַרבעטער־מיטגלידער געוואָרן בורזשואַזיפיצירט, אַזוי אַז דער אָרדן האָט געקראָגן אַ דאָפּלטן פּנים. אין דער בראָשור איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די באַלעבאַטישע עלעמענטן האָבן ביסלעכווייז געוואונען די אויבערהאַנט אין דער פאַרוואַלטונג פונם אָרדן און אַז די גאַנצע פּאָליטיק פון דער אָרגאַניזאַציע ווערט געפירט אין דער ליניע פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן־אינטערעסן.

די בראָשורע האָט אויסגעדריקט די לאַגע, ווי זי איז. די שטעלונג פונם אַרבעטער־רינג זינט דעמאָלט האָט ניט נאָר באַשטעטיקט דעם אַנאַליז פון דער בראָשורע, נאָר זי האָט אָנגענומען אַ מער און מער אויסגעשפּראָכענעם באַלעבאַטישן כאַראַקטער. דער אַרבעטער־רינג איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די יוניאָן־ביוראָקראַטן, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט די באַלעבאַטים און וואָס שטרעבן צו ברעכן יעדע פּראָבע פון די אַרבעטער צו פאַרבעסערן זייער לאַגע דורך סטרייקס און דורך אַ מעכטיקער קלאַסן־קעמפערישער

יוניאן ארגאניזאציע. דער ארבעטער־רינג האט געשטיצט די אזוי גערופענע רעכטע יוניאנס, וועלכע זיינען ניט קיין יוניאנס אינם אייגנטלעכן זין פון ווארט, נאר סטרייק־ברעכערישע ארגאניזאציעס צו העלפן די באלעבאטים און שעדיקן די ארבעטער־אינטערעסן. דער ארבעטער־רינג האט, סיי לאקאל, סיי אויף א נאציאנאלן מאסשטאב, אוועקגעשטעלט אין דער פירערשאפט אזוינע עלעמענטן, וואס האבן ענטוועדער אליין עקספלואטירט געדונגענע ארבעטער, אדער געגאנגען האנט אין האנט מיט די עקספלואטאטארס. אויב אמאליקע יארן איז געווען מעגלעך, אז מען זאל אויסשליסן פונם ארבעטער־רינג א פאבריקאנט, וועמעס ארבעטער האבן קעגן אים דערקלערט א סטרייק, האבן איצט אזוינע באלעבאטים אנגעהויבן שפילן אינם ארבעטער־רינג א בכבודיקע ראלע. דער ארבעטער־רינג האט געבילדעט איין רינג אין דער קאפיטאליסטישער אדמיניסטראציע, אונטערוועלט־שלעגער, יוניאן־ברעכער פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר און אלע אנדערע שווארץ־מאה־דיקע קרעפטן, וואס האבן געבראכן די פאריערס־יוניאן און די קלאוקמאכער־יוניאן אין סוף פונם יאר 1926 און אין אנהויב פון 1927. דער ארבעטער־רינג האט זיך אינגאנצן געשטעלט קעגן דעם סאוועטן־פארבאנד, העלפנדיק זיינע שונאים, מאכנדיק יד־אחת מיט באקאנטע קאנטר־רעוואלוציאנערן, וואס זיינען געקומען קיין אמעריקע צו סטימולירן דעם קאמף קעגן דער פראלעטארישער פעסטונג — דעם שטאלץ און דער האפנונג פון דעם אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט. דער ארבעטער־רינג איז געווארן א געהארכזאמער אונטערשטופער ביי דער שווארצער קאנטר־רעוואלוציאנערער צייטונג „פארווערטס", וואס פאראייניקט אומוויסנקייט מיט פאליטישער רעאקציע, שונד מיט ברוטאליטעט, שווינדל מיט אומפארשעמטסטער חוצפה. דער ארבעטער־רינג — קעגן דעם ווילן פון א גרויסן טייל פון זיינע מיטגלידער — איז געווארן אן אינסטרומענט פון קאמף קעגן דעם ארבעטער־קלאס.

דער אינדעפענדענט ארבעטער־רינג האט א לאנגע צייט געפירט א נעבאכדיקע אומבאמערקטע עקזיסטענץ. אין די לעצטע יארן האט ער אנגעהויבן וואקסן אדאנק דעם צופלוס פון קעמפערישע עלעמענטן, וואס זיינען אוועק פונם ארבעטער־רינג אבער וואס האבן לכתחילה ניט געוואלט אריינטרעטן אינם ארבעטער־רינג. די פירערשאפט פונם אינדעפענדענט ארבעטער־רינג האט זיך געפוצט מיט ראדיקאלע פראזן, כדי צו נארן זיינע לינקע עלעמענטן. אין אמתן אבער איז אט די פירערשאפט, סיי לויט איר סאציאלן צוזאמענשטעל, סיי לויט איר אידעאלאגיע, ניט געווען אנדערש פון דער פירערשאפט פון ארבעטער־רינג. ווען די דאזיקע אזוי גערופענע „ראדיקאלע" טוער זיינען געשטעלט געווארן פאר אן ערנסטער פרואוו; ווען עס איז מעגלעך געווארן צו פארוואנדלען דעם אינדעפענדענט ארבעטער־רינג אין א שטארקער מאסן־ארגאניזאציע מיט אן אויסגעשפראכענעם קלאסן־פראגראם, האבן זיי זיך צוריקגעצויגן אויף די פאזיציעס פונם ארבעטער־רינג.

די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן איןביידע אָרדנס זיינען ניט געווען צופרידן. אינם אַרבעטער־רינג איז יאָרנלאַנג אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, געפירט פון דער לינקער אָקציאָנס־קאָמיטע, וועלכער האָט אָפטמאָל אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען. אין 1925 האָט זיך געגרינדעט אַ פאַרבאַנד פון לינקע ברענטשעס אינם אַרבעטער־רינג — אַ מין אָרגאַניזאַציע אין אַן אָרגאַניזאַציע. אָט דער לינקער צענטער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. עס האָט געהערשט אַ געדאַנק צווישן אַ סך מיטגלידער, אַז מען דאַרף זיך אָפּשפּאַלטן פונם אַרבעטער־רינג. די מערהייט לינקע האָט אָבער אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק. די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג וועלכע האָט גענומען אויסשליסן אַלע די, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אַן דעם פאַרבאַנד פון לינקע ברענטשעס, האָט פאַקטיש געצוואונגען די לינקע צוריקצוטרעטן פון זייערע פּאָזיציעס און אויפגעבן דעם פאַרבאַנד. דערפאַר האָט זי צוגעזאָגט אַריינצונעמען אַלע אויסגעשלאָסענע מיטגלידער און ברענטשעס און אָפּשטעלן די פאַרפאָלגונגען קעגן לינקן פליגל. די לינקע האָבן אויפגעגעבן זייער פאַרבאַנד. די רעכטע פירערשאַפט האָט איר טרייאָר נ י ט אָפּגעשטעלט. די פירערשאַפט פונם אַרבעטער־רינג האָט זיך ניט אָפּן געשטעלט אויף דער זייט פון פאַשיזם. דערווייל איז סוף 1928 און אָנהויב 1929 פאָרגעקומען אַ נייע ווענדונג אין דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן לינקע אינדוסטריעלע יוניאָנס אַלס אַ מיטל צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער, וואָס די אַלטע קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס, איצט פאַרוואַנדלט אין פאַשיסטישע משרתים פון די קאַפּיטאַליסטן, האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אָרגאַניזירן, ווייל זייער צוועק איז געווען — ניט בויען, נאָר ברעכן די קראַפט פונם אַרבעטער־קלאַס. אין אַ קורצער צייט זיינען געגרינדעט געוואָרן די אינדוסטריעלע מיינערס יוניאָן. די אינדוסטריעלע טעקסטיל־אַרבעטער־יוניאָן און די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן. אין אַזאַ צושטאַנד איז געווען נאַטירלעך, אַז די לינקע אינם אַרבעטער־רינג זאָלן זיך פרעגן, וואָס פאַר אַ זין עס האָט פאַר זיי צו פאַרבלייבן אינם שוואַרצן אָרדן. אויב אַפילו אין עקאָנאָמישן געביט, וואו אייניקייט איז אויסערגעוויינטלעך וויכטיק, איז פאַר די לינקע ניט מעגלעך געוואָרן צו פאַרבלייבן אין די פאַשיסטישע יוניאָנס, האָבן זיי זיך געפרעגט, טאָ ווי קאָנען מיר פאַרבלייבן אין דעם פאַשיסטישן אַרבעטער־רינג?

די קאַמפן האָבן געמוזט פירן צו אַ לאָגישן שלום. די פּאָזיציע פון די פירער פון אַרבעטער־רינג איז געוואָרן אַלץ מער אויסגעשפּראָכן. די לינקע האָבן פאַר זיך געזען איין גרויסע רעאַקציאָנערע מאַכט. זיי האָבן מער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מיט זייערע מיטלען און מיט זייער פּרעסטיזש זאָלן פאַשיסטן אָנפירן אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַנטי־פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק. דעם 11טן, 12טן און 13טן אָקטאָבער 1929 איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אַ קאָנפערענץ פון לינקע און פּראָגרעסיווע ברענטשעס, וועלכע האָבן באַ־

שלאסן ארויסצוטרעטן פונם ארבעטער־רינג און זיך אנשליסן אנ'ם אינדעפענדנט ארבעטער־רינג.

דער פלאן איז געווען א ריכטיקער, אבער ער האט באגעגנט דעם פארעקשנטן ווידערשטאנד פון דער פירערשאפט פונם אינדעפענדנט ארבעטער־רינג. אט די פירערשאפט, וואס האט זיך געהאט געגרויסט ווי א „לינקע" און אפילו „רעוואלוציאנערע", האט זיך ניט אפגעשטעלט פון אריבערטראגן די זאך איינ'ם קאפיטאליסטישן געריכט און פארייניקן זיך מיט דער פירערשאפט פונם ארבעטער־רינג און פונם „פארווערטס". דער רעזולטאט איז געווען, אז אנשטאט צו פארוואנדלען דעם אינדעפענדנט ארבעטער־רינג אין א גרויסער קעמפערישער ארגאניזאציע, האט זי, ערשטנס, אוממעגלעך געמאכט פאר די טויזנטער געוועזענע מיטגלידער פונם ארבעטער־רינג אריינצוטרעטן אינם אינדעפענדנט ארבעטער־רינג, צווייטנס, האט זי זיך אויף א ספעציעלער קאנווענשאן באווארנט מיט אזא קאנסטיטוציע, וואס האט אויסגעשלאסן פארן אינדעפענדנט ארבעטער־רינג יעדע פראלעטארישע קלאסןטעטיקייט סיי אויפן פאליטישן, סיי אויפן עקאנאמישן געביט. פאר דער ברייטער מאסע מיטגלידער איז קלאר געווארן, אז דער אינדעפענדנט ארבעטער־רינג איז געקנאטן פון דעם זעלביקן טייג, ווי זיין עלטערער ברודער.

דעם 30טן מערץ 1930 האט זיך פארזאמלט א קאנפערענץ פון געוועזענע ברענטשעס פונם ארבעטער־רינג און פון ברענטשעס פונם אינדעפענדנט ארבעטער־ריג און באשלאסן צו ארגאניזירן א נייעם פראלעטארישן ארדן. דעם 3טן אפריל האט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן אנגעהויבן פונקציאנירן אויף א דערוויילִיקן טשארטער און דעם 19טן יוני האט ער געקראגן א פערמאנענטן טשארטער אלס פראטערנאלע אינשורענס־ארגאניזאציע. ווען אט־די שורות ווערן געשריבן, פארמאגט דער ארדן קנאפע 9,000 מיטגלידער, מער ווי דער אינדעפענדנט ארבעטער־רינג האט דערגרייכט אין אריבער 20 יאר.

פאליטישע אקציע פונם אינטערנאציאנאלן ארבעטער-ארדן.

אין א דעקלאראציע, וואס די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פונם אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן האט ארויסגעלאזט דעם 5טן יוני, לייענען מיר:

> „דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן איז ניט קיין פאליטישע פארטיי. ער איז אבער אויפן לעבעדיקסטן אופן פאראינטערעסירט אינם קאמף פונם ארבעטער־קלאס קעגן קאפיטאליזם. ער אונטערשטיצט דערפאר יעדע פראלעטארישע ארויסטרעטונג, וואס מאביליזירט דעם ארבעטער־קלאס פאר זיינע קלאסן־אינטערעסן".

די קאנפערענץ פונם 30טן מערץ האט אט דעם זעלביקן געדאנק אויס־

געדריקט אביסל ברייטער. אין איר דעקלאראציע, וואס איז אנגענומען געווארן איינשטימיק, האט די קאנפערענץ דערקלערט אט־וואס:

„דער ארדן דארף שטיין אויף דער ליניע פון קלאסן־קאמף. זייענדיק א קערפערשאפט, וואס גיט זיך אפ קודם־כל מיט קעגנזייטיקער הילף: קראנקן־פארזיכערונג, טויט־פארזיכערונג, פארשליסט זיך אבער ניט דער ארדן אין די ענגע פיר אײלן פון „בענעפיטס" און „סעמעטערי", נאר ער לעבט און ווירקט צוזאמען מיט דעם קעמפענדיקן טייל פון ארבעטער־קלאס. ער דערקלערט זיך פאר אן אינטעגראלן טייל פון דעם פראלעטארישן קלאסן־קאמף קעגן קאפיטאליזם. ער דערקלערט, אז עס איז דער צוועק פון דעם ארבעטער־קלאס אומצוווארפן די קאפיטאליסטישע ארדנונג. ער דערקלערט, אז דער וועג צו דער סאציאליסטישער ארדנונג איז דער קלאסן־קאמף אין אלע זיינע פאזן. ער איז גרייט צו גיין מיט די קעמפנדיקע ארבעטער אין סטרייקס, אין פאליטישער באוועגונג, אין אלע קאמפן קעגן קאפיטאליזם".

אין אט די ווערטער איז פאראן א גאנצע סאציאל־פאליטישע פראגראם. דער ארדן שטייט אויף דער ליניע פון קלאסן־קאמף. קלאסן־קאמף איז דא נאר איינער — רעוואלוציאנערער. קיין אנדער קלאסן־קאמף איז ניטא. אלע די, וואס קומען אינם נאמען פון קלאסן־קאמף, נאר זאגן זיך דערביי אפ פון רעוואלוציאנערע פערספעקטיוון, זאגן זיך דערמיט אפ פון דעם קלאסן־קאמף. שטייענדיק אויף דער ליניע פון קלאסן־קאמף, האט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן זיך קלאר און דייטלעך אוועקגעשטעלט אויף דער פראלעטארישער זייט פון דער באריקאדע.

די דאזיקע באריקאדע קעגן קאפיטאליזם איז ניט קיין מליצה. זי דריקט אויס די איצטיקע לאגע. דער קאפיטאליזם איז דערגאנגען צו דעם שארפסטן קריזיס פון זיין געשיכטע. דער קאפיטאליזם האט ניט קיין כוח ארויסצוקריכן פון דעם קריזיס. אין יאר 1848 האבן מארקס און ענגעלס אינם קאמוניסטישן מאניפעסט געשריבן, אז דער קאפיטאליזם אליין באשאפט זיינע באגרעבער. די דאזיקע באגרעבער זיינען איצט דא און זיי ווערן אלעמאל מער טעטיק. עס בונטעווען זיך אומעטום די ארבעטער, וואס ווילן מער ניט איבערטראגן די ארבעטסלאזיקייט, דעם געשניטענעם לוין און דעם פארגרעסערטן ספיד־אפ פאר די באשעפטיקטע; עס בונטעווען זיך די ברייטע הארעפאשנע מאסן פון די קאלאניאלע און האלב־קאלאניאלע לענדער, וועלכע ווילן מער ניט איבערטראגן דעם יאך סיי פון אויסלענדישן, סיי פון היימישן קאפיטאל וואס ווערן נאך מער אונטערדריקט און עקספלואטירט, ווי אפילו זייערע ברידער, די ווייסע ארבעטער; עס ווערט געשאפן א פאראייניקטער פראנט פון אלע ליזם; עס בונטעווען זיך אין אמעריקע גופא די שווארצע שקלאפן, וועלכע

אומצופרידענע און פארביטערטע עלעמענטן סיי אין די אימפעריאליסטישע לענדער, סיי אין די קאלאניעס. אין דער זעלביקער צייט האלט די ארבעטס־לאזיקייט אין איין וואקסן. דער קאפיטאליזם פרואווט ארויסקריכן פונם קריזיס דורך דעם, וואס ער פארלענגערט די ארבעטס־שטונדן, פארקלענערט דעם לוין און פארגרעסערט דעם ספיד־אפ. אבער דאס באשאפט נאך מער ארעמקייט, נאך מער ארבעטסלאזיקייט און מאכט די לאגע פונם קאפיטאליזם נאך אומזיכערער.

עס שטייען איצט צוויי קלאסן איינער קעגן צווייטן: דער קלאס קאפיטאליסטן מיט זיינע משרתים און יוצר־משרתים פון איין זייט און דער פראלעטאריאט, מיט וועלכן עס גייען האנט אין האנט די הארעפאשנע מאסן פון דער וועלט, פון דער צווייטער. דער שטרייט צווישן די ביידע לאגערן צעפלאקערט זיך אלץ מער. דא נעמט ער אן די פארמע פון א סטרייק; דארט נעמט ער אן די פארמע פון א מאסן־דעמאנסטראציע אין די גאסן; דא נעמט ער אן די פארמע פון א פראטעסט קעגן קריג; דארט נעמט ער אן די פארמע פון מאסן־שטימען פאר קאמוניסטישע קאנדידאטן; דא נעמט ער אן די פארמע פון א ספאנטאנעם באוואפנטן ווידערשטאנד קעגן דער פאליציי, ווי דאס איז געווען אין גאסטאניא און אין א ריי אנדערע ערטער; דארט נעמט ער אן די פארמע פון א רעוואלט מיט געווער אין די הענט, ווי דאס איז געווען אין פאלעסטינע, סיריע, מאראקא, האאיטי, פארטא ריקא, מאנילא, יאווא, אינדאכינע און א ריי אנדערע קאלאניעס; און דארט נעמט ער אן די פארמע פון אברייטן איינגעשפארטן און אויסגעהאלטענעם רעוואלוציאנערן קאמף, ווי דאס האט זיך איצט אנגעהויבן אין אינדיע און ווי דאס ווערט פארטגעזעצט מיט גרויס דערפאלג אין כינע, וואו די מאסן האבן שוין ארגאניזירט רויטע ארמייען און האלטן א ריי פראווינצן אונטער דער פראלעטארישער מאכט.

די באריקאדע ווערט גרעסער: דער קאמף ארום איר צעפלאקערט זיך אלץ הייסער. דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן שטייט אויף דער פראלעטארישער זייט פון דער באריקאדע. דערמיט האט ער אויף זיך ארויפגעלייגט סיי נעגאטיווע, סיי פאזיטיווע פליכטן.

דער ארדן און די סאציאליסטישע פארטיי.

די נעגאטיווע פליכטן זיינען קודם־כל — אן אפזאג פון דער סאציאליסטישער פארטיי און פון די אלע איבעריקע פארטייען, וואס זיינען פארבונדן מיטן צווייטן אינטערנאציאנאל. די סאציאליסטישע פארטייען געפינען זיך אויף דער קאפיטאליסטישער זייט פון דער באריקאדע. גענוג א קוק צו טאן אויף דער אזוי־גערופענער ארבעטער־רעגירונג פון ענגלאנד מיט מאקדאנאלדן אין דעם שפיץ. די מאקדאנאלד־סאציאליסטן האבן א האנט אין קאלטע וואסער ניט געטאן צו העלפן די ארבעטסלאזע אין ענגלאנד: זיי האבן ניט

אָנגענומען קיין איינציקן געזעץ, וואָס זאָל באמת פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן. דערפאַר באַמיען זיי זיך טאָג־איין טאָג־אויס צו סטאַביליזירן און פאַרזיכערן דעם קאַפּיטאַל. דערפאַר האָבן זיי געשיקט סאָלדאַטן און מאַטראָסן צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע. דערפאַר פרואוון זיי פאַרציען וואָס ענגער דעם שטריק פון דעם בריטישן קאַפּיטאַליזם איבער די העלדזער פון די קאָלאָניאַלע מאַסן. דערפאַר פירן זיי אָן די מלחמה פון דעם בריטישן אימפּעריאַליזם קעגן די אינדישע רעוואָלוציאָנערע פויערים און אַרבעטער — אַ מלחמה מיט לופט־באָמבעס, גיפטיקע גאַזן, האַרמאַטן, טענקס און אַלע טויט־אינסטרומענטן פון מאָדערנעם קריג.

געווג אַ קוק צו געבן אויף דער רעגירונג פון מאַקדאָנאַלדן כדי זיך צו זאָגן, אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז באַרופן צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם קעגן דעם רעוואָלט פון די מאַסן. דאָס איז איצט די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס איז איצט די היסטאָרישע אויפגאַבע אויך פון די סאָציאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די היגע סאָציאַליסטן האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ קרעפטיקע אָרגאַניזאַציע און אַזאַ איינפלוס, ווי זייערע ברידער אין די אייראָפּעאישע לענדער. זיי האָבן קיינמאָל ניט אָנגעפירט קיין מאַסן־קאַמפּף, און זיי האָבן קיינמאָל ניט געפּרואווט אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין אַ גרויסער פּאַרטיי. זיי זיינען אַלעמאָל געווען אַ צעשוואָומענע וואַל־קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געיאָגט נאָך די שטימען פון אַלערליי עלעמענטן, אַריינגערעכנט די בורזשואַזיע. אָבער איצט, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן פילן די אַטאַקע פון די מאַסן, ווען ער האָט דערהערט דאָס דונערדיקע ברומען פון פון די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע האָט ער זיך גענומען אַרויסרוקן צום פאָדערגרונט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. שוין אין יאָר 1929 האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע גענומען באַהאַנדלען די סאָציאַליסטן ווי אַ וויכטיקע בכבודיקע דריטע פּאַרטיי, וואָס פאַרדינט פּונקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס, ווי די צוויי עלטערע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. אַזוי אַרום האָט זי געהאָלפן דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט פאַר ניו יאָרקער מעיאָר צו קריגן אַ באַדייטנדיקע צאָל שטימען. היינטיקס יאָר זאָגט די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע זייער דייטלעך, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף שפּילען די ראָלע פון אַן אָפּאָזיציע צו די צוויי עלטערע פּאַרטייען — אַן אָפּאָזיציע אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

די אַלטע צוויי פּאַרטייען האָבן אָנגעוואָרן דעם קרעדיט ביי די מאַסן. די אַלטע צוויי פּאַרטייען זיינען באַנקראָט. די הואָווער־פּאַרטיי און די דזשענעראַל־מאָטאָרס־פּאַרטיי האָבן מער ניט מיט וואָס צו פאַרנאַרן דעם אָרימען עולם. צוריק מיט אַ יאָר און מיט צוויי איז מען אַרויסגעפאָרן אויפן

פּראָספּעריטי־פּערדל. היינט איז דאָס פּערדל אויסגעמאָגערט און הינקט אויף אַלע פיר. פיס. מיט דער פּראָספּעריטע קען מען שוין די אַרבעטער ניט נאַרן. און נאַרן דאַרף מען זיי. פאַרטעמפּן זייערע מוחות דאַרף מען. פאַרשפּרייטן צווישן זיי פאַלשע האָפענונגען דאַרף מען. אָראָפּפירן זיי פונם רעוואָלוציאָנערן וועג דאַרף מען. דאָ קומט צוניץ די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אַז מען דאַרף האָבן די סאָציאַליסטן האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט פונם לאָד און מען טראָגט זיך מיט זיי אַרום, ווי מיט אַ טייערן חפץ. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף רעדן ראַדיקאַלע פראַזן. זי דאַרף שרייען, אַז די אַדמיניסטראַציע איז קאָרופּט און אַז מען דאַרף האָבן אַ בעסערע, ערלעכע, ריינע (קאַפּיטאַליסטישע) אַדמיניסטראַציע. זיי דאַרפן שרייען, אַז די ריכטער זיינען כאַבאַרניקעס און אַז דאָס פאָלק ווערט אָן דעם רעספּעקט צו די ריכטער און דעריבער דאַרף מען זען רעפאָרמירן דאָס געריכט־סיסטעם און איינפירן ערלעכע, כשרע, ריינע (קאַפּיטאַליסטישע) געריכטן. זי דאַרף שרייען וועגן „דעמאָקראַטיע“, וועגן „קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס“ און וועגן „פרייהייט“ און „גלייכהייט“ בכלל, ניט דערמאָנענדיק די אמתע פאַקטן פון פּאָליציי־ברוטאַליטעט, פון אונטערדריקן סטרייקס, פון אַרעסטירן אַרבעטער, פון איינפירן אַ סיסטעם פון טעראָר קעגן די מאַסן, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן. זי דאַרף בעטן ביי דער אַדמיניסטראַציע, אַז מען זאָל איינפירן מוניציפּאַלע אַרבעט־אַגענטורן (עמפּלאָימענט איידזשענסיס) און סופּ־קיכן פאַר אַרבעטסלאָזע און דערביי דערקלערן מיט אַ פרומער מינע, אַז אמת, דאָס וועט ניט אָפּשאַפן די אַרבעטסלאָזיקייט, אָבער דאָך איז דאָס בעסער ווי גאָרניט און מען דאַרף זיין דאַנקבאַר די מעיאָרס און די גאָווערנאָרס, וואָס טוען עפּעס „פאַר אונזערע אָרימע ברידער“. זי דאַרף דעקלאַמירן וועגן סאָציאַלער פאַר־זיכערונג, אָבער דערביי טון אַלע מעגלעכקייטן אָפּצוהאַלטן די מאַסן פון אַ ברייטן אָנגעשטרייגטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־פאַר־זיכערונג. זי דאַרף דערציילן די מאַסן, אַז פרידן איז גוט און מלחמה איז שלעכט און אַז די פעלקער־ליג (ליג אָוו ניישאָנס) און דער לאָנדאָנער אָפּמאַך זיינען דאָס בעסטע מיטל צו פאַרזיכערן דעם אַלגעמיינעם פרידן אויף דער וועלט; זי דאַרף אויף אַזאַ אופן פאַרדעקן פאַר די מאַסן די צוגרייטונגען צו מלחמה, וואָס ווערן געמאַכט מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט אונטער אַ רויך פון פּאַציפיסטישע פראַזן. זי דאַרף דערציילן די מאַסן, אַז „דאַנקען גאָט, מיר זיינען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, ביי אונז איז דאָ פרייע אַרבעט, ביי אונז איז ניטאָ קיין דיקטאַטור, בשעת אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען די אַרבעטער פאַרשקלאַפט, דאָס לאַנד קרעכצט אונטער אַן אייזערנעם יאָך פון אַ ברוטאַלער דעספּאָטישער מאַכט און אַלע ביינקען נאָר און לעכצן אויסגע־לייזט צו ווערן פון די סאָוועטן“; זי דאַרף אויף אַזאַ אופן פאַרשטעלן פאַר די אַרבעטער־מאַסן די באַדייטונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די אַרבע־טער בויען מיט גרויס אָנשטרענגונג דעם פינף־יאָריקן פּלאַן און מאַכן געוואַל־

דיקע טריט אויפן וועג צום סאציאליזם. זי דארף דעקלאמירן וועגן אלערליי ליבעראלע קלייניקייטן און דערמיט אפציען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסן פון דעם בלוטיקן אמעריקאנישן אימפעריאליזם, וועלכער דריקט א גאנצע מאסע קאלאניעס, וועלכער שטייט מיט אן אייזערנעם שטיוול אין צענטראל־אמעריקע און דרום־אמעריקע, וועלכער אונטערדריקט די רעוואלוציע אין כינע און וועלכע פרעסט מיט בלייענער שווערקייט אויף די נעגערשע און אימיגראנטישע מאסן אין לאנד גופא.

דער קאפיטאליזם דארף האבן די סאציאליסטישע פארטיי, און די סאציאליסטישע פארטיי נעמט אריין מיט אפענע ארעמס די קאפיטאליסטישע שרייבער, זשורנאליסטן, פראפעסארן, גלחים, וועלכע דריקן אויס זייער גרייטקייט צו „לויפן אויפן סאציאליסטישן טיקעט". אזוי ווערט באשאפן א רירנדיקע איינהייט צווישן די סאציאליסטן און די קאפיטאליסטן. די סאציאליסטן פארבורזשואזעווען זייער פראגראם אפילו מער נאך, ווי עס איז געווען צוריק מיט צוויי יאר. די קאפיטאליסטן זיינען וויליק צו „בוסטן" די סאציאליסטישע פארטיי און צו געבן איר קאנדידאטן.

עס איז די פליכט פון יעדן קלאסן־באוואוסטזיניקן ארבעטער אויפצודעקן אט דעם בונד פון די סאציאליסטישע פאליטישנס מיט דער בורזשואזיע פאר די ברייטע מאסן. און עס איז די פליכט פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן ניט נאר, נעגאטיוו, זיך אפצוטרייסלען פון דער סאציאליסטישער פארטיי, נאר, פאזיטיוו, אנצופירן א קאמף קעגן דער דאזיקער סאציאל־פאררעטערישער פארטיי מיט אירע קאנדידאטן.

ווי דארף מען עס טאן?

מיר שטעלן זיך פאר, אז דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן נעמט אריין מיטגלידער מיט פארשיידענע פאליטישע סימפאטיעס, אבי נאר זיי אנערקענען דעם רעוואלוציאנערן קלאסן־קאמף. צווישן אזוינע מיטגלידער וועלן זיך מסתמא געפינען ווייניק סאציאליסטיש־געניגטע עלעמענטן. דאס הייסט אבער ניט, אז דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן פארשליסט זיינע טירן פאר אזוינע, וואס האבן געשטימט פאר דער סאציאליסטישער פארטיי. נאר וואס דען? יעדער ברענטש פירט א אן אויפקלערונג־ארבעט צווישן זיינע מיטגלידער. דער ברענטש דיקטירט ניט קיינעם ווי צו שטימען אין די וואלן. דער ברענטש ווייזט אבער אן די ארבעטער זייער ריכטיקן פלאץ אין וואל־קאמף. דער ברענטש העלפט אויפדעקן דעם אמתן כאראקטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי און באשאפט אן אטמאספערע פון רעוואלוציאנערן פראטעסט קעגן אירע מענטשן און איר פאליטיק.

און עס קאן, פארשטייט זיך, קיין רייד ניט זיין, אז ברענטשעס פונם ארדן זאלן שטיצן די סאציאליסטישע פארטיי קאלעקטיוו. אזוינע ברענטשעס קאנען ניט געהערן צום אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן, ווייל זיי וואלטן זיך געפונען אויף יענער זייט באריקאדע. טאמער וועט זיך ערגעץ אין דער

פּראָווינץ געפינען אַ ברענטש, וואו ניט נאָר די מערהייט, נאָר אפילו אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט איז געניגט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן דאַרפן זייער ענערגיש אונ־טערזוכן די לאַגע און געפינען די נויטיקע מיטלען. נאָכאַמאָל: דער אָרדן דיקטירט ניט זיינע אינדיווידועלע מיטגלידער, פאַר וועמען זיי זאָלן שטימען. דער אָרדן אָבער אַלס אַ גאַנצער און די ברענטשעס אַלס גאַנצע פירן אַן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַלע אירע פאָרמען.

דאָס איז ריכטיק אויך בנוגע אַנאַרכיזם. אמת, די צאָל אַנאַרכיסטן אין דער לעצטער צייט האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. דער אַנאַרכיזם איז בכלל ניט קיין פּאַקטאָר אינם אַרבעטער־לעבן. אָבער עס זיינען נאָך דאָ איינצלנע אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן פון אַנאַרכיסטישע פראַזן. אַזוינע אַרבעטער גלויבן נאָך אַז די אַנאַרכיסטישע פירער זיינען רעוואָלוציאָנערן. עס וועט זיין די אויפגאַבע פונם אָרדן אויפצוקלערן אָט־די מיטגלידער, אָנצואווייזן זיי דעם אמתן כאַראַקטער פון די אַנאַרכיסטישע טוער, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעביטן די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע אויף קליינבירגערלעכער צע־קראָכנקייט און זאַטקייט און זיינען ניט בעסער און ניט ערגער ווי די סאָציאַל־פּאַשיסטן. מיר זאָגן ניט, אַז ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אָרדן פאַר איינצלנע רענק־און־פייל אַנאַרכיסטן. אָבער עס דאַרף זיין קלאָר פון אָנפאַנג אָן, אַז זיי באַקומען קיין רעכט ניט צו קעמפן פאַר זייער אידעאָלאָגיע אינם אָרדן גופא.

דאָ גייען מיר צו צו זייער אַ וויכטיקער פראַגע: פּאָליטישע מינאָריטעטן. קוקן מיר אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן ווי אויף אַ „פרייער טריבונע", וואו יעדער מיטגליד און יעדע גרופּע מיטגלידער וועט קאָנען קעמפן פאַר די אייגענע אָנשויונגען און אידעאַלן? אינם אַרבעטער־רינג און אינם אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג האָבן מיר געפאָדערט מינאָריטעטן־רעכט, ווייל מיר האָבן געהאַט דעם ריכטיקן פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט און מיר האָבן געקעמפט קעגן אַ באַלעבאַטיש־אָריענטירטער מערהייט. אָבער הייסט דאָס, אַז מיר דאַרפן דערלויבן אַ באַלעבאַטיש־אָריענטירטער מערהייט צו פּראָפּאַגאַנדירן אירע אידייען אויף דער פּלאַטפאָרמע פונם אָרדן? דאָס וואָלט געווען אַן אָפּזאָג פון די פּרינציפּן פונם אָרדן. עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר באַלעבאַטישע אידייען אין אונזער אָרדן. מיר וועלן ניט לאָזן קיין קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס צו פּריידיקן פאַר אונז פּאַטריאָטיזם אויף דער פּלאַטפאָרמע פונם אָרדן. מיר וועלן ניט לאָזן קיין סאָציאַליסטישע פּאָליטישנס צו פּריידיקן פאַר אונז קלאַסן־שלום מיט דער בורזשואַזיע, אונטער וועלכער מאַסקע דאָס זאָל ניט קומען. מיר וועלן ניט דערלאָזן קיין קאַפּיטאַליסטיש־באַאיינפלוסטע מענטשן צו פאַרשפּרייטן אין אונזער אָרדן אַנטי־פּראָלעטאַרישע פּראָפּאַגאַנדע.

אויב אימיצער וועט פרעגן: יושר? אויב אימיצער וועט זיך באַרופן

אויף „מיינונגס־פֿרייהייט“ און „רעדע־פֿרייהייט“, וועלן מיר אים ענטפֿערן, אַז עס ווענדט זיך צוליב וואָס מען נוצט אויס אַט־די פֿרייהייט, און עס ווענדט זיך אויך ווע מעם יושר עס ווערט פֿאַרטיידיקט. אַ פּראָלעטאַרישע יוניאָן וועט ניט דערלאָזן, אַז אימיצער אַ מיטגליד זאָל אויפֿשטיין אויף אירער אַ פֿאַרזאַמלונג און דערקלערן, אַז די קאַפּיטאַליסטן זיינען גאָרניט אַזוינע באַנדיטן און אַז עס זיינען פֿאַראַן גאַנץ פֿיינע, וואוילטעטיקע, מענטשן־ליבנדיקע פֿאַבריקאַנטן. דאָס מעג זיין די „ערלעכע“ און „וואויל־געמיינטע“ פֿאַרשטעלונג פֿון אַ „באַנאַפֿיידן“ מיטגליד, אָבער אַזאַ מיטגליד וועט ניט טאָרן פֿירן קיין פּראָפּאַגאַנדע אין די רייען פֿון אַ רויטער יוניאָן. מען וועט אים טאָלערירן, אַזוי לאַנג, ווי ער באַטייליקט זיך אין קאַמף; מען וועט אים ניט אויסשליסן, אָבער פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידייען וועט ער ניט קענען.

דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם אָרדן. דער אָרדן מאַכט ניט קיין סוד פֿון זיינע פּרינציפּן. ער שטייט אויפֿן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. ער שטייט אויף ד ע ר זייט באַריקאַדע צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אַ מינדערהייט, וואָס האָט אַנדערע אידייען, וועט, פֿאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשלאָסן ווערן אַזוי לאַנג, ווי זי שטערט ניט דער אַרבעט פֿון דעם אָרדן. קיין פֿרייע פּלאַטפֿאָרמע וועט זי אָבער ניט קריגן.

און טאָמער וועט זיך אימיצער באַקלאָגן, אַז מיר פֿירן איין „צענזור“, „דיקטאַטור“ און ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַנדערע טיראַנישע מעטאָדן, וועלן מיר אים ענטפֿערן, אַז ער דאַרף קודם־כּל זיך באַקאַנען מיט דער פּראָגראַם פֿונם אָרדן. אויב די פּראָגראַם געפֿעלט אים, גוט און וואויל. אויב ער איז קעגן דער פּראָגראַם, נויט אים קיינער ניט זיך אָנצושליסן און זיך אַליין פֿאַרשאַפֿן צרות.

מען קאָן ניט אונטערשטרייכן גענוג שאַרף, אַז דער אָרדן איז ניט קיין פֿאַראייניקונג פֿון אַן ערב־רב. ער איז אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגערעדט וועגן אַ גאַנצער ריי פֿונדאַמענטאַלע פּונקטן. זיי דאַרפֿן אָט־די פּונקטן פֿאַרווירקלעכן אין זייער אַרבעט. דער אָרדן איז אויך ניט קיין פּאָליטיש־פּאַסיווע אָרגאַניזאַציע. אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פּאָליטיש־פּאַסיוו, איז אייגנטלעך ניט קיין קלאַסן־אָרגאַניזאַציע. עס איז אין די אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פּאָליטיש־פּאַסיוו. עס איז אין די אינטערעסן פֿונם אַרבעטער־קלאַס, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פּאָליטיש־אַקטיוו.

קורץ גערעדט: אין איינצלהייטן, אין פֿראַגן פֿון פּראַקטיק, אין פֿראַגן פֿון צוועקמעסיקייטן, קענען זיך די מיטגלידער פֿאַנאַנדערגיין. אין דער אַלגעמיינער אָריענטאַציע מוזן זיי זיין אייניק. טאָמער וועט זיך געפֿינען אַ מינדערהייט אָפּאָרטוניסטן, וואָס די צוגעהעריקייט צום אָרדן איז זיי וויכטיק אַנדערע צוועקן, ווי דער קלאַסן־קאַמף, וועלן זיי מוזן האַלטן שטאַט, זייער רעכטקייט וועט באַטראַכט ווערן ווי זייער אומגליק. קיינער וועט אָבער ניט לאָזן, אַז אַט־דער אומגליק זאָל אָנהויבן אַגיטירן און ווערבירן רעקרוטן.

דער אַרבעטער־אָרדן און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

דערפון איז שוין קלאָר, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן דאַרף קוקן אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווי אויף דער איינציקער אַרבעטער־פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאָנפערענץ פון דעם 30טן מערץ האָט וועגן דעם זיך אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע ווערטער:

„דער אָרדן אַנערקענט, אַז האָבנדיק אַ ספּעציפישע אויפגאַבע, שטיצט ער דאָך מיט זיינע מיטלען און מיט זיין מיטגלידערשאַפט די קאַמפן פון אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטייען אויף דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט. צווישן אַט־די אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויפן פּאָליטישן געביט“.

דער דאָזיקער פּונקט דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַזוי, אַז אין היינטיקן מאָמענט איז ניטאָ און עס וועט ווייטער אויך ניט זיין קיין אַנדערע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, אַחוץ דער קאָמוניסטישער. מיט אַנדערע ווערטער: אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע אַרבעטער־פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דאַרף קריגן די שטיצע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.

די באַציאונגען צווישן דעם אָרדן און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אַרויסגערופן אַ סך דעבאַטן. צוויי עקסטרעמע טענדענצן לאָזן זיך באַמערקן: די שונאים פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן האָבן אַ טבע צו טענהן, אַז דער אָרדן איז קאָמוניסטיש און אַז די מיטגלידער זיינע ווערן אונטערגעשטעלט אונטער קאָמוניסטישער דיסציפּלין. פון דער אַנדערער זייט געפינען זיך אין אָרדן אַ סך עלעמענטן, וואָס בויגן אַריבער דעם שטעקן און פאַרטיידיקן זיך, טענהנדיק, אַז דער אָרדן האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַחוץ „איגנאָרירן“ דאָ און דאָרט אירע קאַמפּאַניעס.

ביידע עקסטרעמען זיינען ניט ריכטיק. זיי נעמען זיך פון ניט פאַרשטיין די באַציאונגען צווישן אַ פּראָטערנאַלער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע און אַ פּאָליטישער קלאַסן־פּאַרטיי.

די מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן זיינען ניט קיין קאָמוניסטן. זיי שטייען ניט אונטער קאָמוניסטישער דיסציפּלין זיי געהערן ניט צו קיין קאָמוניסטישע גרופּעס (נוקלעאיי). זיי זיינען ניט מחויב אָנצונעמען יעדן פּונקט פון דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם. זיי מעגן ניט מסכים זיין דאָ און דאָרטן מיט אַ געוויסער האַנדלונג פון די קאָמוניסטן. אויף אַזוי פיל זיינען די שונאים אומגערעכט ווען זיי פּרוּווען דעם אָרדן אין אַ קאָמוניסטישן וויגעלע.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אָרדן־מיטגלידער האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזוי ווי זיי שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף, אַזוי ווי יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף, און אַזוי ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פונם קלאַסן־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאָנען שוין די מיטגלידער פונם אָרדן ניט זאָגן, אַז זיי האָבן קיין שייכות ניט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווער זאָגט עס, אַז ער האָט ניט קיין שייכות מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זאָגט דערמיט אויך, אַז ער האָט ניט קיין שייכות מיט דער פּאָליטישער באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס — דאָס הייסט מיטן קלאַסן־קאַמף. ווער עס זאָגט, אַז ער קאָן זיין אַ לינקער, כאָטש ער קימערט זיך ניט וועגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער איז ניט קיין לינקער, נאָר אַ קליינבירגערלעכער שוואַכלינג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ געוואַלדיקער פאַקט. קיין קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער קאָן אויף איר ניט פאַרמאַכן די אויגן. ער מוז צו איר נעמען אַ שטעלונג. ער מוז צו איר צופּאַסן זיין אידעאָלאָגיע און זיין ליניע פון האַנדלונג. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן האָט די דאָזיקע שטעלונג גענומען. ער אָנערקענט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי די פירנדיק אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס דעם מוח, דעם ווילן און די שלאָג־קראַפט פונם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס הייסט ניט, אַז יעדער מיטגליד פונם אָרדן איז מחויב צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. וועגן דעם האָבן מיר שוין גערעדט אויבן. עס הייסט אָבער, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן טאָר ניט דערלאָזן אין זיינע רייען אַן אַגיטאַציע קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס הייסט אויך, אַז צווישן די בראַנטשער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און די לאָקאַלע קאָמיטעטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועט מוזן איינגעשטעלט ווערן אַ געוויסע, אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונג, אַ געוויסער „מאָדוס וויווענדי“.

וועגן כאַראַקטער פון אָט־דער באַציאונג איז איצט ניט נויטיק צו דיסקוטירן. איינס איז אָבער קלאָר פון אָנפאַנג אָן, אַז מען וועט ניט טאָרן דערלאָזן אַן אָפּאָזיציע פון אַ לאָקאַלן בראַנטש צו אַ לאָקאַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז דאָס איז אַ דעליקאַטער פּונקט און אַז רייבונגען זיינען דאָ געווים מעגלעך. קאָמוניסטן האַנדלען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. קאָמוניסטן אַרבעטן אויס זייער איינהייטלעכע מיינונג וועגן אַלערליי פּראָבלעמען. ווען קאָמונסטן געפינען זיך אין אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט ניט־קאָמוניסטן, פילן זיך די לעצטע אָפט געריצט פון דער געשלאָסנקייט פון דעם קאָמוניסטישן פראָנט. עס דאַכט זיך זיי, אַז די קאָמוניסטן ווילן אויף זיי ארויפצווינגען באַשלוסן. עס דאַכט זיך זיי, אַז די קאָמוניסטן ווילן „קאָנטראָלירן“. די ניט־קאָמוניסטן פילן זיך אָפט

ווי געקריוודעט, כאטש זיי קאנען אליין נים זאגן פארוואס. עס איז זעלבסט־פארשטענדלעך, אז דער ארדן און זיינע ברענטשעס זיינען ניט מחויב צו נעמען יעדע מיינונג פון יעדן קאמוניסט ווי תורת־משה. סוף־כל־סוף איז די פליכט פון א קאמוניסט צו איבערצייגן די אומפארטייאישע אין דער ריכטיקייט פון זיינע אידייען, און אויב ער האט ניט די פייאיקייט דאס צו דערגרייכן, איז דאס אפט זיין אייגענע שולד. אבער פון דער אנדערער זייט טאר זיך ניט באשאפן א לאגע, וואו א לאקאלער ברענטש זאל זיך שטעלן קעגן דעם קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי און אים אנהויבן באקעמפן אלס אזעלכן.

מיר לעבן איצט אין א קאפיטאליסטישער וועלט. מיר זיינען ארומגערינגלט מיט בורזשואזע עלעמענטן. דער איינפלוס פון דער קאפיטאליסטישער אידעאלאגיע איז גרויס. דער איינפלוס קאן זיך פילן אויך צווישן די מיטגלידער פונם ארבעטער־ארדן. עס וועלן זיך מסתמא הערן טענות, אז „מיר האבן גארניט, חלילה, קעגן קאמונסיטשן אינטערנאצאנאל אדער קעגן דער אונזערע היימישע קאמוניסטן” אין דזשיימסוויל אדער סמיטסטאון אדער אז אונזערע היימישע קאמונסטן” אין דזשיימסוויל אדער סמיטסטאון אדער אז אן אנדערער פראווינץ־שטאט. דא וועט מען דארפן איגזינען האבן, אז עס איז זייער באקוועם צו זיין „איינשטימיק” מיט דער קאמוניסטישער פארטיי בכלל, ווען מען דארף זיך ניט רעכענען מיט איר קאנקרעטער פאליטיק אויפן ארט. אזא „איינשטימיקייט” איז ניט ווערט א צעבראכענעם גראשן. אזא „איינשטימיקייט”, אויב זי איז פארבונדן מיט אן אפאזיציע צו דער לאקאלער קאמוניסטישער פארטיי אין טאג־טעגלעכן לעבן, איז א קאמאפלאזש. דאס האט פונקט די זעלביקע באדייטונג, ווי אפן באקעמפן די קאמוניסטישע פארטיי.

הכלל, איינשטעלן נארמאלע באציאונגען צווישן די ברענטשעס פונם ארדן און דער קאמוניסטישער פארטיי אויף אן אופן, וואס זאל איבערלאזן פאר די ברענטשעס א מאקסימום איניציאטיווע און וואס זאל אין דער זעלביקער צייט מעגלעך מאכן א געמיינזאמע האנדלונג פון דער פארטיי און דעם ארדן אויף דער ליניע פון קלאסן־קאמף, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן, וואס שטייען פארביידע.

מיר האלטן, אז אט־די באציאונג קאן איינגעשטעלט ווערן אן א סך שוועריקייטן. די ליניע פון דער פארטיי איז א ליניע פון אריינציען אלץ גרעסערע מאסן אין קאמף. די מעטאדן פון אזא באטייליקונג וועלן זיך ווענדן אן ארט און צייט. עס דארף נאר זיין דער גוטער ווילן. און עס דארף ניט זיין קיין פארדאכט, אז די קאמוניסטן ווילן „איינכאפן”, „דאמינירן”, „קאנטראלירן”. די קאמוניסטישע פארטיי פארטרעט די אינטערעסן פון דער ארבעטער־באוועגונג אלס א גאנצע. ממילא דארף ניט זיין קיין ווידערשפרוך צווישן דער פארטיי און אן ארגאניזאציע, וואס פארקערפערט א געוויסן טייל פון דער באוועגונג.

די קאמוניסטישע פארטיי וויל ניט „ארייננכאפן" דעם ארדן. אוודאי וויל זי, אז א מעגלעכסט גרויסער טייל פון די ארדן־מיטגלידער זאל זיך אנשליסן אין דער קאמוניסטישער פארטיי. דאס איז גאנץ נאטירלעך. אבער דעם ארדן גופא איז די פארטיי ניט אויסן „ארייננצוכאפן". וואס וואלט זי מיט אים געטאן, ווען זי כאפט אים אריין? נאר בייזוויליקע פראפאגאנדיסטן, וואס מאכן פאר זייער אויפגאבע צו פארלוימדן די קאמוניסטישע פארטיי, האלטן אין איין טענהן וועגן „ארייננכאפן" און „באהערשן". אין אמתן האנדלט זיך עס גארניט וועגן אזוינע זאכן. עס האנדלט זיך וועגן געמיינזאמע אקציעס אויפן וועג פון קלאסן־קאמף. און דא איז נאר א פראגע פון ברידערלעכן צוזאמענארבעטן פאר די זעלביקע צוועקן.

די דעקלאראציע פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע, וואס איז אפגעדרוקט געווארן דעם 5טן יולי דערקלערט:

„דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן איז ניט קיין פאליטישע פארטיי. ער איז אבער אויפן לעבעדיקסטן אופן פאראינטערעסירט אין דעם קאמף פון דעם ארבעטער־קלאס קעגן קאפיטאליזם. ער אונטערשטיצט דערפאר יעדע פראלעטארישע ארויסטרעטונג, וואס מאביליזירט דעם ארבעטער־קלאס פאר זיינע קלאסן־אינטערעסן".

אט־די ווערטער אנטהאלטן דעם קערן פון א גאנצער פאליטישער פראגראם פארן אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן.

דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן איז ניט קיין פאליטישע פארטיי. דאס דארף זיין דער ענטפער פאר אלע די, וואס טומלען, אז דער ארדן איז „קאמוניסטיש". דער ארדן ארגאניזירט ניט קיין וואלן. ער ארגאניזירט ניט קיין גאסן־דעמאנסטראציע פארן קאנסולאט פון אן אימפעריאליסטישער מלוכה, וואס אונטערדריקט אירע הארעפאשנע מאסן. ער ארגאניזירט ניט קיין אנטי־מלכמה דעמאנסטראציע, ווי אשטייגער די ארויסטרעטונג פון ערשטן אווגוסט. אבער אויך אט־דער „ניט" אין א רעלאטיווער. מיר שטעלן זיך פאר א לאגע, וואו דער ארדן זאל געצוואונגען זיין צו נעמען אויף זיך די איניציאטיווע פון דעם אדער יענעם אקט.

לאמיר זיך פארשטעלן א ברענטש פון דעם ארדן אין א ווייטן שטעטל, וואו עס זיינען ניטא קיין ארגאניזאטארס פון דער קאמוניסטישער פארטיי. לאמיר זיך פארשטעלן, אז עס גייט א פאליטישער קאמפיין אדער א צוגרייטונג צו אן אנדער מאסן־אקט. וועט דער ברענטש זאגן: ס'איז ניט מיין געשעפט? וועט ער ניט אויסטיילן פון זיך א גרופע צו פירן די ארבעט צווישן דעם שטאטישן פראלעטאריאט?

אין גרויסן און גאנצן נעמט די קאמוניסטישע פארטיי די איניציאטיווע פון פאליטישע קאמפיין. דאס איז איר אויפגאבע. דאס איז איר שטענדיקע ארבעט. ניט אפט וועט דעם ארבעטער־ארדן אויסקומען צו טאן פאליטישע ארבעט לויט זיין אייגענער איניציאטיווע און אויף זיין אייגענעם חשבון.

אבער אַלצדינג ווענדט זיך אַז צייט און אָרט. וואָס מען דאַרף גערייניקען איז, אַז דער אַרבעטער־אָרדן האָט פּאָליטישע אויפגאַבן, אַז ער דאַרף מאָבי־ליזירן פאַר פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען ניט נאָר זיינע אייגענע מיטגלידער, נאָר אויך אַלע אַנדערע אַרבעטער, וואָס ער קאָן זיי דערגרייכן.

שטעלן מיר זיך ווידער פאַר אַ לאַגע, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אומלעגאַל. דאָס איז לייכט מעגלעך. דאָס באַצוועקט די גאַנצע פּאַרגאַלגונגס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. ווען די פּאַרטיי איז אונטער דער ערד, קאָן זי זיך ניט אַזוי שנעל מאָביליזירן ; אָפטמאָל איז איר, צוליב רעפּרעסיעס, פּשוט אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן פּאָליטישע אַקטן. וועט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן אין אַזוינע אומשטענדן זיצן און שווייגן ? וועט ער ניט נעמען די איניציאַטיווע פון אָנפירן אַ מאַסן־קאַמף אַרום דער אָדער יענער פּאָליטישער פאָדערונג, וואָס האָט אַ שייכות צום אַרבעטער־קלאַס ?

עס איז דאָ אַ געוויסע קוים־באַמערקבאַרע טענדענץ ביי אַ טייל מיטגלי־דער וועגן „נאָ פּאָליטיקס" פאַרן אָרדן. אַזאַ ליניע וואָלט געווען אַ זעלבסט־מאָרד. „נאָ פּאָליטיקס" וואָלט געהייסן, אַז דער אָרדן אַלס אַזעלכער און זיינע איינצלנע ברענטשעס מישן זיך ניט אין די טעטיקייטן פון דעם אַרבע־טער־קלאַס, וואָס באַצוועקט אַרויסצורייסן ביי דער בורזשואַזיע די אָדער יענע הנחות, אָפּצושוואַכן די קרעפטן פונם קאַפּיטאַליזם און פאַרשטאַרקן די קרעפטן פונם אַרבעטער־קלאַס. דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער אָרדן אַלס אַזעל־כער און זיינע איינצלנע ברענטשעס אינטערעסירן זיך ניט מיטן אַרבעטער־קלאַס. דאָס וואָלט געהייסן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון קאַמף.

וואָס איז דען פּאָליטיק ? אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו דער מלוכה־מאַכט, צו אירע אָרגאַנען, צו איר ווירקונג אויף די מאַסן, צו דער פאַרטיילונג פון דער מלוכה־מאַכט צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּן, איז פּאָלי־טיק. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן איז אַ פראַטערנאַלע אָרגאַני־זאַציע. זיין פונדאַמענטאַלע אויפגאַבע איז — קראַנקן־פאַרזיכערונג, טויטן־פאַרזיכערונג און קעגנזייטיקע הילף. אָבער אַפילו אָט־די טעטיקייט פון דעם אָרדן איז באַאיינפלוסט דורך דער גאַנצער לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דורך דער באַציאונג פון די הערשנדיקע קלאַסן און זייער מאַכט־אַפּאַראַט צום אַרבעטער־קלאַס, דאָס הייסט : דורך פּאָליטיק. קריגט דער אַרבעטער קלענערע אָדער גרעסערע שכירות ? ווערט ער בעסער אָדער ערגער באַהאַנדלט אין פאַבריק ? איז זיין אַרבעטס־טאָג באַגרעניצט דורכן געזעץ ? האָט ער אַ רעכט זיך פריי צו אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען אָדער ניט ? איז זיין ווייב און קינד געצוואונגען גיין אַרבעטן אָדער ניט ? די דאָזיקע אַלע פראַגן האָבן אַ דירעקטע שייכות צו דער טעטיקייט פונם אַרבע־טער־אָרדן. זיי ווערן אָבער אַלע באַאיינפלוסט דורך דער פּאָליטישער לאַגע, דאָס הייסט דורך דעם, וואָס די פּאָליטישע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן און לענדלאָרדס.

כדי צו קענען דערפילן זיין אויפגאבע פאַרן אַרבעטער־קלאַס, מוז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן זיך באַטייליקן אין פּאָליטישן קאַמף. אין אַ מערהייט פאַלן איז ער ניט מחויב צו נעמען די איניציאַטיווע. דאָס לאָזט ער איבער פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אויסנאַמס־פאַלן וועט ער אַליין דאַרפן זיין דער פירער. אין אַלע פאַלן דאַרף ער זיין אַן אַקטיווער מאַסן־טייל פון יעדער באַדייטנדיקער פּאָליטישער האַנדלונג.

דערפון איז געדרונגען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן פאַרנעמט, פּאָליטיש גערעדט, אַן אומגעווייגטלעכן פּלאַץ. ער איז אויפן שלאַכט־פעלד פון דער פּאָליטישער מלחמה, נאָר ער פאַרנעמט ניט די ערשטע טרענטשעס. ער איז אַ טייל פון דער גאַנצער אַרמיי, וואָס פירט די מלחמה, ער איז אָבער ניט דער אַוואַנגאַרד. אין דער זעלביקער צייט איז ער אָבער אויך ניט דער אַריערגאַרד. אין אויסנאַמס־פאַלן טרעט ער אַרויס אין דער ערשטער ליניע פון פייער. געוויינטלעך אָבער געפינט ער זיך אין די הינטערשטע רייען, פאַרשטאַרקנדיק מיט זיינע באַטאַליאָנען און מיט זיינע הילפס־מיטלען דעם גאַנצן קעמפנדיקן פראָנט.

די דאָזיקע אַלגעמיינע כללים דאַרפן ווערן מער דעטאַליזירט. מיר וועלן זיך דעריבער אָפּשטעלן אויף די איינצלנע קאַמפן באַזונדער.

פּאָליטישע קאַמפן.

וואַל־קאַמפּאַניע און דער אָרדן. דער אָרדן „אינדאָר־סירט" די קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. דער־מיט האָט זיך אָבער ניט געענדיקט די אויפגאַבע פונם אָרדן.

אינדאָרסירונג הייסט אָנערקענונג. דאָס הייסט, אַז דער אָרדן גיט זיין הסכמה דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. הסכמה אַליין איז אָבער ניט גענוג. דאָס איז צו־פּלאַטאָניש, צו־אַבסטראַקט. אַחוץ „אינדאָרסירונג", באַטייליקט זיך נאָך דער אָרדן אינעם קאָמוניסטישן וואַל־קאַמף.

אין ניו יאָרק האָט די אידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס צו אָרגאַניזירן דעם וואַל־קאַמף פון הייגטיקן יאָר צווישן די אידישע אָרבעטער. צו דער קאָנפע־רענץ האָבן די פאַרשיידענע ברענטשעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן געשיקט דעלעגאַטן. אונז דאַכט זיך, אַז דאָס ווייזט דעם וועג פון באַטיי־ליקונג אין דעם וואַל־קאַמף. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן שטעלט ניט אַרויס זיינע אייגענע קאַנדידאַטן; ער אַרבעט ניט אויס זיין אייגענע פּאָליטישע פּלאַטפאָרמע. ער אינדאָרסירט אָבער אויף זיינע קאָנווענשאָנס און אַנדערע באַראַטונגען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דער עיקר: ער באַטיי־ליקט זיך אין דער קאָמוניסטישער וואַל־קאַמפּאַניע אַלס איינער פון די הילפס־אַפּאַראַטן. ער אַגיטירט צווישן זיינע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן שטימען פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער טוט דאָס ניט אויף אַ מעכאַנישן אופן,

נאר ער פירט אן א ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט סיי צווישן זיינע מיטגלידער, סיי צווישן דער ברייטערער פראלעטארישער מאסע וועגן דעם פאליטישן מאמענט, וועגן די קלאסן־כוחות אין דער געזעלשאפט, וועגן די פארשיידענע פאליטישע פארטייען און וועגן דער באדייטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי. דערמיט, וואס דער ארדן באטייליקט זיך אויף אזא אופן אין דער וואל־קאמפאניע, ווערט ער נאך ניט קיין טייל פון דער קאמוניסטישער פארטיי. ער ווערט נאר אן ארגאניזאציע, וואס ש ט י צ ט די פארטיי פון דעם ארבעטער־קלאס.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז דא און דארטן וועט דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן אויסקומען צו נעמען אויף זיך די איניציאטיווע פון רופן מאסן־מיטינגען ארום דעם וואל־קאמף. דא און דארטן וועט ער דארפן ארגאניזירן אפן־עיר־מיטינגען ארום דער פראגע. אין איניקע ערטער, דערהויפט, פארשטייט זיך, אין דער פראווינץ און דערהויפט אין אזא צייט, ווען די קאמוניסטישע פארטיי איז נאך ניט גענוג שטארק אין די פארשיידענע אפגעשטאנענע ערטער, וואו עס זיינען יא דא ברענטשעס פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן, וועלן אט־די בראנטשעס מוזן ווערן די ארגאנען, וואס אויף זיי פאלט די הויפט־ארבעט אינם וואל־קאמף.

זאל אט־די טעטיקייט ניט פארוואנדלען איניקע „פארזיכטיקע", וואס האבן מורא פארן שטעמפל „קאמוניסט". די פאליטיק, וואס ווערט דא אנגעמערקט, איז ניט קיין נייע. זי האט פרעצעדענטן. אין די „גוטע" אלטע צייטן, ווען די ס. פ. האט זיך נאך גערעכנט פאר א סאציאליסטישער פארטיי, האט דער ארבעטער־רינג געטאן אט־די ארבעט פאר דעם סאציאליסטישן וואל־קאמף. עס איז אפילו געווען א כלל, אז קיין ארבעטער־רינג־מיטגליד טאר ניט שטימען פאר קיין אנדער פארטיי, אחוץ דער סאציאליסטישער.

דאס, וואס די סאציאליסטישע פארטיי איז אמאל געווען פארן ארבעטער־רינג, דאס איז היינט די קאמוניסטישע פארטיי פארן אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן. און פונקט אזוי, ווי דער ארבעטער־רינג אזי דעמאלט ניט געווארן קיין סאציאליסטישע פארטיי, פונקט אזוי ווערט איצט ניט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן קיין קאמוניסטישע פארטיי.

א נ ט י ־ א י מ פ ע ר י א ל י ס ט י ש ע ר ק א מ ף. די באטייליקונג אין די וואלן שעפט ניט אוים די פאליטישע טעטיקייט פונם ארבעטער־קלאס. די וואלן זיינען נאר איין מאמענט אין קלאסן־קאמף זיי העלפן נאר אויסקריסטאליזירן די שטימונג פון די ברייטע מאסן. זיי העלפן מאביליזירן די ארבעטער צום קאמף. די פארמען פון קאמף און די מאמענטן, ארום וועלכע עס פירט זיך דער קאמף, ענדערן זיך לויט דער צייט און אומשטענדן. פאראן אבער געוויסע אלגעמיינע ליניעס פון קאמף, וואס בלייבן שטענדיק אין דער ארבעטער־פאליטיק אונטער דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. איין ליניע איז קאמף קעגן אימפעריאליזם.

די היינטיקע גרויסע קאפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען אימפּעריאַליס־טישע מלוכות. זיי עקזיסטירן, ניט נאָר דורך דעם, וואָס זיי אונטערדריקן די מאַסן ביי זיך אין דער היים, נאָר אויך דורך דעם, וואָס זיי אונטערדריקן ברייטע מאַסן אין אַנדערע לענדער, הויפּטזאַכלעך אין די אָפּגעשטאַנענע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרמאָגן אַ גאַנצע ריי קאָלאָניעס, וועלכע זיינען פאַרשטעלט אונטער דער מאַסקע פון כלומרשטע „אומאָפּהענגיקע" רעפּובליקן, וועלכע זיינען אָבער אין אמתן ניט מער ווי פּראָווינצן פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם: קובאַ, פּאָרטאָ ריקאָ, האַיטי, פּאַנאַמאַ, א. אַ. וו. פאַראַן אַנדערע לענדער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן מער עזלבסטשטענדיקייט, וועלכע זיינען אָבער אין אמתן אונטערגעוואָרפן אין אַ גרויסער מאָס אונטער דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַ־ליזם. דאָס זיינען מעקסיקאָ, באָליוויאַ, פּערו, אַרגענטינע, א. אַ. וו. אין די דאָזיקע לענדער דרינגט דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם אַריין אַלץ מער און מער. עס זיינען איצט פאַראַן ניט ווייניקער ווי 17 ביליאָן יענקישע דאָלאַרן אינוועסטירט אין די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן. די דאָזיקע רעפּוב־ליקן געפינען זיך אין אַ גרויסער מאָס אונטער דעם אייזערנעם קנאַפּל פון די אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטן. דורך דער אַזוי־גערופענער „מאָנראָ־דאָקטרין" האָט דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם אויסגעאַרבעט אַ טעאָריע, אַז קיין אויסלענדישע מלוכה טאָר זיך ניט מישן אין די אינווייניקסטע אַנגעלעגנ־הייטן פון לאַטייניש־אַמעריקע, אַחוץ די פאַראייניקטע שטאַטן. די לעצטע האָט אָפט געשיקט מיליטערישע מאַכט איינצושטעלן אין די פאַרשיידענע לאַטייניש־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן אַזאַ הערשאַפט, וואָס זאָל פּאַסן פאַר וואָל־סטריט. דער יענקי־אימפּעריאַליזם העלפט אונטערדריקן די אָרטיקע אַרבעטער־מאַסן פון לאַטייניש־אַמעריקע און העלפט האַלטן אין מיטלאַלטער־לעכער שקלאַפעריי די אָרטיקע פּויערים. אַ גרויסער טייל פון די „פאַרדינסטן" פונם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם זיינען אויסגעזויגענע בלוט און מאַרך פון די האָרעפּאַשניקעס אין די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע לענדער.

כדי צו קאָנען אָנהאַלטן אַט־די ממשלה, מוז דער אַמעריקאַנישער אימ־פּעריאַליזם פאַרגרעסערן זיין אַרמיי און זיין פלאָט. אַמעריקע האָט איצט ניט אין אַן ערך מער קריגשיפן, אונטער־וואַסער־שיפלאַך, גיפטיקע גאַזן, עראָפּלאַנען און אַנדערע טויט־מיטלען, ווי זי האָט געהאַט צום סוף פונם וועלט־קריג. די דאָזיקע מיטלען ווערן ניט נאָר צוגעגרייט פאַר דער קומענדער מלחמה, וועלכע איז אומפאַרמיידלעך, נאָר זיי ווערן אויסגענוצט אויך אינם איצטיקן מאָמענט: אינטערווענציע אין ניקאַראַגואַ, אינטערווענציע און־טער ווילסאָנס אַדמיניסטראַציע אין מעקסיקאָ, א. אַ. וו.

די אונטערדריקטע מאַסן פון לאַטייניש־אַמעריקע זיינען פאַרביטערט סיי קעגן זייערע אָרטיקע הערשער, סיי קעגן דעם יענקי־אימפּעריאַליזם, וואָס באַהערשט און באַשיצט זייערע היימישע רויבער. אַ קאַמף קעגן דעם אָרטיקן קאַפּיטאַליזם און לענדלאָריזם איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט

אַ קאַמף קעגן יענקי־אימפּעריאַליזם. אַ קאַמף פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער קעגן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם איז אומפאַרדיידלעך אַ קאַמף קעגן דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. אָט אַזוי דיקטירט די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט אַ פאַראייניקטן פראָנט פון ביידערליי מאַסן קעגן דעם יענקי־אימפּעריאַליזם.

אָט־דער קאַמף איז ניט קיין ד י ר ע ק ט ע אויפגאַבע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. דער אינט. אַרב. אָרדן איז ניט קיין ספּעציעלע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. דערויף עקזיסטירט די אַל־אַמעריקאַנישע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע ליגע. אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַזאַ פאַל: אין ניקאַראַגואַ קומט פאָר אַן אויפשטאַנד קעגן אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם — אַזוינער, למשל, ווי עס איז פאָרגעקומען אונטער דער פירערשאַפט פון סאַנדינאָ. די אַמעריקאַנישע רעגירונג שיקט קריגשיפן מיט מאַרינען צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. קאָן דער אינט. אַרב. אָרדן בלייבן שטיל אין אַזאַ מאָמענט? אויב דער אויפשטאַנד אין ניקאַראַגואַ געווינט, פאַרלירט דערמיט דער יענק־אימפּעריאַליזם, ווערט דערמיט אָפּגעשוואַכט דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם. יעדע אָפּשוואַכונג פון אונזערע שונאים איז אַ געווינס פאַר אונז. יעדע פאַרשטאַרקונג פון דער קראַפט פון די מאַסן אין די שכנישע לענדער איז אַ געווינס פאַר אונז. לאָמיר זאָגן, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינע פּראָלעטאַרישע אַקציע קעגן דער אַמעריקאַנישער אינטערווענציע אין ניקאַראַגואַ. דער אינט. אַרב. אָרדן איז אַ טייל פונם אַרבעטער־קלאַס. ער וועט אומפאַרמיידלעך מוזן זיין אַ טייל פון דער אַקציע קעגן אימפּעריאַליזם. ער וועט דאָס מוזן זיין ניט נאָר אינדיווידועל, דורך זיינע איינצלנע מיטגלידער, נאָר קאָלעקטיוו, דורך זיינע ברענטשעס און דורך זיין נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. ער וועט אפשר ניט דאַרפן נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע. ער וועט אָבער יאָ דאַרפן קודם־כל אויפקלערן זיינע אייגענע מיטגלידער וועגן דער באַדייטונג פון די געשעענישן. ער וועט דאַרפן פירן אַן אַגיטאַציע קעגן אימפּעריאַליזם. ער וועט דאַרפן מאָביליזירן זיין גאַנצע אָרגאַניזאַציע כדי דורך איר צו פאַרשטאַרקן די אַקציע פונם אַרבעטער־קלאַס.

און ווידער קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן פּראָווינץ־שטעט, וואו, אין איצטיקן מאָמענט, כל־זמן עס זיינען דאָרטן נאָך ניט אויסגעוואַקסן קיין שטאַרקע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, דער אַרבעטער־אָרדן וועט אויף זיך דאַרפן נעמען די אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף.

דאָס קאַפּיטל לאַטייניש־אַמעריקע איז אָבער נאָר אַ טייל פון דעם טעטיקייט־פראָנט פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. אין יאָר 1927, ווען די כינעזישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט איין זיג נאָכן צווייטן און די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן זיינען געשטאַנען פאַר די טויערן פון נאַנקין, האָט דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם אינסטרואירט זיינע קריגסשיפן צו ברעכן די רעוואָלוציע. אַלע אָרטיקע אימפּעריאַליסטישע פּלאַנען האָבן זיך פאַראייניקט

אונטער דער קאמאנדע פון אן אמעריקאנישן אדמיראל. די רעוואלוציע איז דערטרונקען געווארן אין בלוט פון די מאסן. די פירער פון דער כינעזישער בורזשואזיע, טשיאנג קאי שעק, וועלכער וואלט אפשר אליין ניט געקאנטביישטיין קעגן די רעוואלוציאנערע מאסן, האט זיך געשטיצט אויף די אויסלענדישע באיאנעטן און מיט זייער הילף אנגעפירט אזא טעראר, וואס עס איז צו אים ניטא קיין גלייכן אין דער געשיכטע. הונדערטער טויזנטער ארבעטער־קעפ זיינען אפגעשניטן געווארן. הונדערטער טויזנטער לעבנס זיינען רואינירט געווארן.

עס איז געווען די אויפגאבע פון די אמעריקאנישע ארבעטער ניט נאר צו פראטעסטירן קעגן דער מארד־פאליטיק פון אמעריקאנישן אימפעריאליזם אין כינע, נאר אויך אים אננעמען פאר זיינע בלוטיקע הענט און ניט דערלאזן אט־די הענקער־ארבעט. צום באדויערן איז דער ארבעטער־קלאס יענע צייט נאך ניט געווען גענוג שטארק צו קענען דורכפירן א אמתע אקציע אין פארבינדונג מיט כינע. אבער די דאזיקע אקציע ווערט איצט ווידער אוועקגעשטעלט אויף דער טאג־ארדנונג פון דעם ארבעטער־קלאס. די כינעזישע רעוואלוציע האלט ווידער אפ איין נצחון נאכן צווייטן. די כינעזישע רויטע ארמיי האלט אונטער איר מאכט גרויסע טיילן פונם לאנד. דער אמעריקאנישער אימפעריאליזם מאביליזירט ווידער זיינע באוואפנטע קרעפטן צו דערשטיקן די רעוואלוציע פון אונזערע כינעזישע ברידער. א שטארקער ארויסטריט פונם אמעריקאנישן ארבעטער־קלאס איז די פאדערונג פון דער שעה.

וואס וועט טאן דער ארבעטער־ארדן? קאן ער שטיין פון דער וייטנס? ער איז א טייל פונם ארבעטער־קלאס — און אלצדינג, וואס האט א שייכות צום ארבעטער־קלאס, מוז אים ארויסרופן צו פראטעסט.

ק א מ ף ק ע ג ן ק ר י ג. דער קאמף קעגן אימפעריאליזם איז ניט אפצוטיילן פונם קאמף קעגן קריג. קריג שטייט איצט אויף דער טאג־ארדנונג פון דער וועלט. קריג־צוגרייטונגען ווערן פיבערדיק געמאכט איבער דער גאנצער וועלט. עס פארשארפט זיך דער קאנפליקט צווישן אמעריקע און ענגלאנד צוליב דרום־אמעריקע, צולים כינע, צוליב קאנאדע, צוליב א גאנצער ריי אנדערע קאלאניעס און מערק. עס פארשארפט זיך דער קאנפליקט צווישן ענגלאנד און פראנקרייך צוליב דעם, וואס פראנקרייך וויל באהערשן די קאנטינענטאלע אייראפעאישע מלוכות, און ענגלאנד וויל דאס ניט ליידן. עס פארשטארקט זיך דער קאפליקט צווישן פראנקרייך און איטאליע צוליב די טעריטאריעס ארום מיטללענדישן ים. עס האט זיך פארשאפט דער קאמף צווישן איטאליע און יוגאסלאוויע צוליב די טעריטאריעלע קאנצעסיעס, וואס איטאליע האט באקומען נאכן וועלט־קריג, און צוליב א גאנצער ריי אנדערע סיבות. עס בלייבט דער שטענדיקער קאנפליקט פון אינטערעסן צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך: דער דייטשישער אימפעריאליזם האלט אין וואקסן, דער פראנצויזישער אימפעריאליזם איז פאראינטערעסירט צו האלטן דייטשלאנד אונטער זיין קנאפל (וואס ער טוט אזוי אויך מיט דער הילף פון

דעם יאַנג־פּלאַן.). עס בלייבט דער שטענדיקער קאָנפליקט צווישן יאַפּאַן און די פאַרייניקטע שטאַטן. די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם טרייבט די מלוכות צו אָריענטירן זיך אויף אויסלאַנד, צו װעלן פאַרכאַפּן נייע מערק, נייע איינפלוס־ספערן, נייע געלעגנהייטן צו אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן פאַר נייע אוצרות פון רוי־מאַטעריאַל. דער גרעסטער קאָנפליקט פון אונזער צייט איז דער קאָפליקט צווישן די פאַר־אייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרכאַפּן אַלץ נייע פּאָזיציעס פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און דער ענגלישער אימפּעריאַליזם איז געצוואונגען אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד. ניט אומזיסט קומען פאַר אומאויפהערלעכע באוואָפנונגען איבער דער גאַנצער וועלט. ניט אומזיסט איז די לאָנדאָנער „אַנטוואָפנונג“־קאָנפערענץ געווען אַ דורכפאַל. ניט אומזיסט גיט איצט אַמעריקע אויס אַ ביליאָן דאָלער אויף נייע קריגשיפן.

מען גרייט זיך צום קריג. די אימפּעריאַליסטישע רויבער גרייטן זיך באַפאַלן איינער דעם צווייטן. אָבער זיי אַלע פאַרייניקן זיך אין זייער האַס צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין זייער גרייטקייט צו אַטאַקירן די פּראָלע־טאַרישע רעפּובליק. צוליב דעם צוועק האָט מען אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד פון די קליינע אייראָפּייאישע מלוכות, וואָס גרעניצן זיך׳ מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד: פּוילן, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, א. אַ. וו. צוליב דעם האָט מען אָרגאַניזירט די פּיש־קאָמיסיע מיט דער גאַנצער קאַמפּאַניע קעגן אַמטאָרג. צולים דעם ווערט געפירט די ברייטע אַלוועלטלעכע קאַמפּאַניע פון גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַ קאַמפּאַניע, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע.

מען גרייט זיך צום קריג. דער קריג שטייט פאַר אונזערע טויערן. עס איז ניט קיין פראַגע פון הונדערטער אָדער אפילו צנדליקער יאָרן. עס איז אַ פראַגע פון די קומענדע עטלעכע יאָר. עס איז אַ פאַקט, אַז יעדן טאָג קאָן אויס־ברעכן דער קריג. די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז פול מיט פּולווער. און רייסט עס נאָר אויף אין איין פּלאַץ, אַזוי מוזן אַלע לענדער אריינגעצויגן ווערן אין קריג.

וואָס דאַרף זיין דאָ די שטעלונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס? די האַרע־פּאַשנע מאַסן וועלן זיין די קרבנות פון דעם קריג. דאָס וועלן זיי דאַרפן אָנטאָן מיליטערישע מונדירן און גיין צו דער שחיטה — פאַר דעם „וואויל־און־בעסטן“ פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן. דאָס וועלן זיי, זייערע ווייבער און קינדער דאַרפן ליידן הונגער און נויט אין קריגס־צייט. דאָס וועלן זיי דאַרפן אַר־בעטן מיטן שוויים און בלוט צו פּראָדוצירן אַמוניציע און אַנדערע, טויט־מאַטעריאַלן. דאָס וועט דער אַרבעטער־קלאַס דאַרפן אַוועקלייגן מיליאָנען, אפשר צענדליקע מיליאָנען פון זיינע בעסטע זין (דער לעצטער וועלט־קריג האָט אַפּגעקאָסט אַרום 19 מיליאָן טויטע און פאַרוואונדעטע). דאָס וועט דער אַרבעטער־קלאַס דאַרפן אויפבויען די חורבות. אַלץ צוליב וואָס? אַלץ

כדי אַ מאָרגאַן אָדער אַ ראַקעפעלער אָדער אַ פאָרד זאָל באַקומען אַ מעג־לעכקייט צו עקספּלואַטירן נייע מאַסן און צו מאַכן פון זייער בלוט נייע ביליאָנען.

דער אַרבעטער־קלאַס איז ניט נאָר ניט פאַראינטערעסירט אין קריג. דער אַרבעטער־קלאַס איז פאַראינטערעסירט אין קאַמף קעגן קריג. דער אַרבעטער־קלאַס קאָן נאָר א ײ ן קריג, וואָס איז ווערט די קרבנות: דאָס איז דער קריג קעגן קאַפּיטאַליזם. דער אַרבעטער־קלאַס האָט דעריבער אַ צווייפאַכע אַרבעט אינם איצטיקן מאָמענט: ערשטנס, שטערן דעם קריג ווי ווייט נאָר מעגלעך דורך פּראָטעסטן, דעמאָנסטראַציעס, סטרייקס און אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מיטלען; צווייטנס, קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, אַז אַזוי ווי דער קריג איז סוף־כל־סוף אומפאַרמיידלעך, איז די אויפגאַבע פונם אַרבעטער־קלאַס — פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער־קריג.

דאָס איז ניט אַזאַ אויפגאַבע, וואָס מען קען זי אָפּלייגן ביזן קריג. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס דאַרף שוין איצט שטיין פאַר יעדן פּראָלעטאַריער. ווען דער קריג וועט אויסברעכן, וועט שוין זיין צו־שפּעט. ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן אין 1914, האָבן די אַרבעטער פון דייטשלאַנד זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און זיינען אַוועק פאַרגיסן זייער בלוט פאַר די דייטשע קאַפּיטאַליסטן, ווייל פריער האָט מען צווישן זיי ניט געפירט קיין צוגרייטונגס־אַרבעט, וואָס זאָל זיי פּאַרטיק מאַכן פאַר אַזאַ פאַל. דעמדאָזיקן טעות טאָרן מיר איצט ניט מאַכן. דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף איצט שוין דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט נאָר אַ קעגנער פון יעדן אימפּעריאַליסטישן קריג, נאָר אַז אויב דער קריג איז דערקלערט, דאַרף ער אים ברעכן מיט אַן אייזערנער האַנט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַן אויסרייד די קאַפּיטאַליסטן וועלן געפינען. עס מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַ לאָזונגען עס וועט אַרויסשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. עס מאַכט ניט אויס, אין וועלכע הייליקע פּרינציפּן און אידעאַלן מען וועט וועלן פאַרוויקלען די שחיטה. דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זען צו ברעכן אָט־דעם קריג. דאָס וועט אפשר ניט מעגלעך זיין דעם ערשטן טאָג, ווען קריג איז דערקלערט. דאָס דאַרף אָבער זיין די שטענדיקע אויפגאַבע פון אָנגעשטרייינקטער פּראָלעטאַרישער אַרבעט סיי פאַר דער מלחמה, סיי אין דער מלחמה גופא.

דער אַרבעטער־קלאַס שטעלט זיך פאַר אַ ציל: סוף־כל־סוף אויסקירעווען זיין געווער קעגן די אייגענע עקספּלואַטאַטאָרס, ברעכן זייער מלוכה־מאַכט, צעשטערן זייער מלוכה־אַפּאַראַט, אויפבויען אַן אייגענע פּראָלעטאַרישע, סאָוועטישע מאַכט און איינפירן סאָציאַליזם. די צוגרייטונגס־אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן היינט, מאָרגן און יעדן טאָג. די צוגרייטונגס־אַרבעט דאַרף אָבער ניט געטאָן ווערן אַבסטראַקט. מען בויעט ניט קיין אַנטי־מלחמה אָרגאַניזאַציעס,

וואָס זאָלן זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און וואַרטן אויפן קריג. מען בויעט אַזוינע אָרגאַניזאַציעס אין פּראָצעס פון קאַמף און דורך דעם קאַמף גופא.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן קאָן ניט שטיין אַן אַ זייט פון דער אַרבעט קעגן קריג. די אַרבעט איז איינע פון די וויכטיקסטע פאַרן אַרבעטער קלאַס. דער אינט. אַרב. אָרדן איז אַ טייל פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די אַנטי־קריגס־באַוועגונג וועט, מסתמא, ניט קומען פון דער איניציאַטיווע פון דעם אָרדן, אָבער דאָ, ווי אין פילע אַנדערע פּרטים, וועט דער אינט. אַרב. אָרדן דאַרפן, ערשטנס, אויפקלערן זיינע מיטגלידער וועגן דער באַדײַטונג פון מלחמה־געפאַר, צווייטנס, באַטייליקן זיך אין קאַמף קעגן אָט־דער געפאַר.

עס וועלן זיך געפינען עלעמענטן מיט אַ טראַדיציע פון נעכטן, וואָס וועלן זאָגן: סטייטש, ס'איז געפערלעך? עס קען נאָך, חלילה, ניט געפעלן דער פּאָליציי? נו, וועלן דערויף ענטפערן די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אַז דער פּאָליציי געפעלט נאָר דעמאָלט, ווען די אַרבעטער לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס און קושן די בייטש פון זייערע שמייסער. אויב דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זיך דאַרפן רעכענען מיט די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון דער פּאָליציי, וואָלט געוועזן אַז אַך און וויי צו אים.

אַנדערע פּאָליטישע קאַמפּן. עס איז ניט נויטיק אויסצורעכענען אַלע קאַמפּן, וואָס דעם אַרבעטער־קלאַס וועט אויסקומען דורכצופירן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. עס איז אַ פאַקט, אַז יעדער טאָג ברענגט נייע אויפגאַבן און נייע פאָדערונגען פון קאַמף. מיר ווילן זיך דאָ נאָר אָפּשטעלן אויף איינעם פון די קאַפּיטלען, וואָס האָט אָנגענומען אַ מער וויניקער פּערמאַנענטן כאַראַקטער. מיר מיינען דעם קאַמף צו באַשיצן די אַרבעטער־אימיגראַנטן קעגן אויסנאַמס־געזעצן.

אויב דער קאַפּיטאַליזם בכלל קאָן ניט עקזיסטירן, ניט דריקנדיק דעם אַרבעטער־קלאַס, האָט ער פאַר זיך נאָך אַ ספּעציפישע אויפגאַבע: אַרײַנטראָגן שטרייטיקייטן צווישן איין טייל פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם צווייטן, זייען פיינדשאַפט, פּרואוון אונטערדריקן איין טייל אַרבעטער מער ווי דעם צווייטן, כדי אויף אַזאַ אופן צו קאָנען באַהערשן דעם גאַנצן קלאַס. דער כלל איז דאָ: צעטייל און באַהערש. דער דאָזיקער כלל ווערט מיט באַזונדערער ברוטאַלקייט אָנגעווענדט אין אַמעריקע בנוגע די אַרבעטער־אימיגראַנטן.

דאָ ניט לאַנג זיינען פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק די פאַרהערן פון אַ קאָנגרעס־קאָמיסיע אונטער דעם פאָרזיץ פון קאָנגרעסמאַן האַמילטאָן פיש. דער צוועק פון אָט דעם פאַרהער איז געווען ניט נאָר שאַפן שטימונג קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין די

פֿאַרייניקטע שטאַטן, נאָר אויך קעגן אַרבעטער־אימיגראַנטן. די קאָמיסיע האָט אָנגענומען פֿאַר אַ כּלל, אַז יעדער קאָמוניסט איז אַן אויסלענדער און אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג איז אינגאַנצן אַן אויסלענדישער פּראָדוקט. אויבן־אויף האָט עס געהייסן, אַז מען שטרעבט צו באַשיצן די „אַמעריקאַנישע אינסטיטוציעס" קעגן דער געפֿאַר פֿון קאָמוניזם. אין אמתן האָט מען אין זינען געהאַט באַשיצן דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם קעגן די פֿאָדערונגען פֿון די אומצופֿרידענע אַרבעטער. די קאָמיסיע שמועסט ערנסט, אַז מען דאַרף דורכפֿירן אַ געזעץ וועגן רעגיסטרירן אויסלענדער, אָראָפּנעמען זייערע פֿינגער־צייכנס, האָבן דאָס רעכט זיי צו דעפּאָרטירן מאַסנווייז אָן אַ משפּט. מיט אַנדערע ווערטער, די קאָמיסיע האַלט, אַז אימיגראַנטן (פֿאַרשטייט זיך, נאָר אַ ר ב ע ט ע ר ־ אימיגראַנטן, וואָרים די רייכע קאָנען אַלעמאָל געפֿינען שוץ אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה) דאַרפֿן אַוועקגעשטעלט ווערן אויסערן געזעץ.

דער צוועק איז קלאָר. מען וויל אוממעגלאַך מאַכן פֿאַר די אַרבעטער־אימיגראַנטן צו פֿאָדערן העכערע שׂכירות, קירצערע אַרבעטס־שטונדן און בעסערע באַהאַנדלונג. מען וויל זיך באַוואָרענען מיט אַ מעגלאַכקייט צו אַרעסטירן יעדן אַרבעטער, וואָס וועט זיך שטעלן קעגן די באַלעבאַטים. איינמאָל האָט מען זיך געזיכערט קעגן אויסלענדער, וועט מען שוין לייכטער קאָנען בייקומען די געבוירטיקע אַרבעטער. מ'וויל דערביי שאַפֿן אַ לאַגע, וואו די אימיגראַנטישע אַרבעטער זאָלן טאָן סטרייק־ברעכערישע אַרבעט. מען וויל זיי טעראָריזירן, כּדי זיי זאָלן טאָן דעם ווילן פֿון די באַלעבאַטים. מען וויל אויף אַזאַ אופֿן זיך באַוואָרענען מיט געהאָרכזאַמע שקלאַפֿן, וואָס מען זאָל קאָנען אויסניצן קעגן יעדן אַנדערן טייל פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס.

אַז די געפֿאַר איז אַ רעאַלע, האָבן באַוויזן פֿאַקטן פֿון דער לעצטער צייט. דאָס, וואָס פּרעזידענט הואָווער האָט אינגאַנצן פֿאַרבאָטן דעם אַריינפֿאָר פֿון אימיגראַנטן, איז נאָר אַן איבעריקער באַווייז, אַז די רעגירונג וויל פֿאַרבלענדן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער מיט דער בבא־מעשׂה פֿון אימיגראַנטישער געפֿאַר. דאָס, וואָס וויליאַם גרין, דער פּרעזידענט פֿון דער א. פֿ. אָוו ל., איז מיט ציין און נעגל פֿאַר דעם פֿאַרבאָט פֿון אימיגראַציע, איז נאָר אַ באַווייז, אַז ער וויל פֿאַרדעקן דעם פֿאַרראַט פֿון זיין אָרגאַניזאַציע מיט געשרייען וועגן דער קאָנקורענץ פֿון „אויסלענדישער אַרבעט". דאָס איז נאָר אַ סימן, אַז אויך ווייטער וועט מען פּרוּוון איינרעדן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער, אַז זייער ישועה וועט קומען פֿון רדיפֿות אויף אימיגראַנטן. אין ניו־יאָרק סטייט האָט גאָווערנאָר רוזוועלט אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדנונג, לויט וועלכער מען קאָן באַשעפֿטיקן ביי מלוכה'שע בוי־אַרבעטן נאָר בירגער פֿון דעם שטאַט ניו־יאָרק. דערמיט זיינען אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן אַלע ניט־בירגער, ד. ה. אַלע אימיגראַנטן.

די דאָזיקע גזירות זיינען נאָר אַן אָנהויב. די פֿראַגע איז: קאָן דער

אַרבעטער־קלאַס רואיק צולאָזן אַט די פּאָליטיק? עס איז קלאָר, אַז ער וועט דאַרפֿן קעמפֿן צו באַשיצן זיך קעגן אַזאַ אָנפֿאַל.

דער קאַמף איז אַן אויפֿגאַבע פֿון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, פֿון אַלע זיינע טיילן, אָבער אין דער ערשטער ליניע איז דאָס אַן אויפֿגאַבע פֿון די אַרבעטער־אימיגראַנטן. די פֿאָרמען פֿון קאַמף האַלטן זיך ערשט אין אַנטוויקלען. צי דאָס וועט זיין מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, צי וועלכע ניט איז אַנדערע קאַמפּס־מיטלען, איז דאָ ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן איז בלוטיק פֿאַראינטערעסירט אין אָט די קאַמפֿן. אין אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט, כדי אויסצואַרבעטן מיטלען פֿון קאַמף קעגן די געפּלאַנטע גזירות אויף אימיגראַנטן, האָט דער אינט. אַרב. אָרדן פֿאַרנומען אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ. דער גענעראַל סעקרעטאַר פֿון דעם אָרדן איז אויך סעקרעטאַר פֿון דער אָרגאַניזאַציע צו באַקעמפֿן די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אימיגראַנטן. דערמיט האָט שוין דער אָרדן געגעבן זיין ענטפֿער. די איניציאַטיווע איז געקומען ניט פֿון דעם אָרדן, אָדער, ריכטיקער, זי איז געקומען גלייכצייטיק פֿון אַ רייע שפּראַכן־אָרגאַניזאַציעס. אָבער מיר שטעלן זיך פֿאָר, אַז אין אַ סך ערטער וועט דער אָרדן דאַרפֿן זיין דער הויפּט טרעגער פֿונ׳ם קאַמף אויף דעם געביט.

דאָס איז אָבער נאָר איין ביישפּיל.

אַן אַנדער ביישפּיל, וואָס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן מיט באַזונדערער קראַפֿט, איז *דער קאַמף פֿאַר דער גלייכהייט פֿון די נעגערס*. די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן די נעגערס ווערן אָנגעפֿירט מיט דעם זעלביקן צוועק, ווי די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן אימיגראַנטן. עס איז אַ פּאָליטיק פֿון אוועקשטעלן איין טייל פֿונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אויסערן געזעץ, כדי צו קאָנען באַהערשן אַלע איבעריקע טיילן. די ווייסע פֿאַבריקאַנטן פֿון דער סאַוט, ווי די ווייסע פֿאַבריקאַנטן פֿון אַנדערע טיילן פֿון אַמעריקע, האָבן מורא פֿאַר׳ן רעוואָלט פֿון די שוואַרצע אַרבעטער. די ווייסע פּלאַנטאַטאָרס האָבן מורא פֿאַר׳ן רעוואָלט פֿון זייערע שוואַרצע „הענט“. די ווייסע אַמעריקאַנישע פֿאַרמערס אין דער סאַוט האָבן מורא פֿאַר דער קאָנקורענץ פֿון זייערע נעגערישע שכנים. אַזוי ווערט באַשאַפֿן אַ לינטש־אַטמאָספֿערע, אַ טעראָר־פּאָליטיק. שייטער־הויפֿנס ברענען. תּליות ווערן געבויט. נעגערס ווערן געכאַפּט כמעט יעדן חודש, אויב ניט יעדע וואָך, און פֿאַרברענט אָדער אויפֿגעהאַנגען. די מערדערלעכע אַרבעט ווערט געטאָן מיט דער פֿולער צושטימונג און אָפֿט מיט דער מיטהילף פֿון דער אָרטיקער רעגירונג. די אַזוי גערופֿענע געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג איז ניט נאָר גלייכגילטיק, נאָר טיילווייז אויך פֿריינלעך צו די לינטשערייען. די פֿעדעראַלע רעגירונג שווייגט, — און דערמיט גיט זי איר שטילע הסכּמה אויף די פּאָגראָמען. דער טעראָר פֿאַרשטאַרקט זיך.

וואָס דאַרף טאָן דער ארבעטער־קלאַס? זיין אויפגאַבע איז — פאַר־טיידיקן די נעגער־ארבעטער מיט זיין גאַנצן כח.

די נעגער־ארבעטער גופא האָבן שוין אָנגעהויבן דעם קאַמף. זיי ווייזן אַרויס אַ ווידערשטאַנד. זיי שיסן ווען מען שיסט אויף זיי. זיי זיינען ווייט ניט דערשראָקן. אָבער זיי קאָנען זיגן נאָר מיט דער הילף פון זייערע ווייסע ברידער. אַ פאַרייניקטער פראָנט פון אַלע ארבעטער, ווייסע און שווארצע, קעגן לינטשערייען, קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע, קעגן אויסנאַמס־געזעצן פאַר נעגערס (די אזוי גערופענע „דזשים קראו" געזעצן), פאַר פולער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, און סאָציאַלער גלייכהייט פון די נעגערשע מאַסן — איז די פּראָגראַם פון די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער אין די פאַרייניקטע שטאַטן. די ווייסע ארבעטער זיינען דערביי ניט אויסן קיין פילאַנטראָפּיע. זיי זיינען אויסן זייערע גוט פאַרשטאַנענע קלאַסן־אינטערעסן. זיי ווייסן, אַז ווי באַלד די נעגערס זיינען פאַרשקלאַפט, ווי באַלד עס ווערט קעגן זיי דיסקרימינירט אין די פאַבריקן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וויבאַלד זיי ווערן ניט אַריינגעלאָזט אין די יוניאָנס (ווי דאָס איז די פּראַקטיקע פון דער א. פ. אָוו ל.), — איז די לאַגע פון די ווייסע ארבעטער אויך ניט געזיכערט.

כדי צו מאָביליזירן די שווארצע מאַסן און כדי באמת צו פאַרזיכערן פאַר זיי פולע פרייהייט און גלייכהייט, האָבן די קאָמוניסטן אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון זעלבסט־באַשטימונג פאַר די נעגער־שע מאַסן אין דער סאַוט. אונטער זעלבסט־באַשטימונג פאַרשטייען זיי אַן אייגענע נעגערשע רעגירונג אין די געגנטן, וואו די נעגערס בילדן אַ מערהייט. די קאָמוניסטן דערקלערן, אַז די דאָזיקע פאָדערונג קאָן ניט דורכגעפירט ווערן אין לעבן, סיידן די ווייסע ארבעטער גופא קעמפן פאַר איר און העלפן זי דערגרייכן, ווייזנדיק דערביי די שווארצע ארבעטער, אַז זיי אַליין זיינען פריי פון הערשער־פּסיכאָלאָגיע, אַז זיי ווילן ניט קיין פּריווילעגיעס, אַז זיי מיינען ערנסט מיט ארבעטער־גלייכהייט.

די אידעע פון זעלבסט־באַשטימונג האָט געפונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג צווישן ברייטע ארבעטער־מאַסן און זי שטייט איצט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג.

זאָלן די מיטגלידער פון'ם ארבעטער־אָרדן ניט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּראַגע, וואָס גייט זיי ניט אָן. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז דאָס איז אַן אויפגאַבע פאַר'ן גאַנצן ארבעטער־קלאַס. צווישן די מיטגלידער פון'ם אָרדן פאַרנעמען די נאָדל־ארבעטער אַ באַדייטנדיקן אָרט. וואָס וועלן אָט די נאָדל־ארבעטער זאָגן, ווען זייערע ערטער וועלן פאַרנומען ווערן אין די שעפּער דורך נעגער־מיידלעך, וואָס זייענדיק אָנגעשראָקן און טראָגנדיק אויף זיך די משא פון שקלאַפעריי, זיינען זיי גרייט צו ארבעטן אונטער ערגערע באַדינגונגען און פאַר ווייניקערע שכירות, ווי די אידישע ארבעטער?

אייניקע אָפּגעשטאַנענע וועלן ענטפערן מיט האַס און פאַראַכטונג פאַר די נעגערס. אָבער האַס און פאַראַכטונג וועלן ניט העלפן. נאַציאָנאַליסטישע געפילן וועלן ניט העלפן. אויב דער באַס קאָן ארויסקריגן פון שווארצע ארבעטער מער ארבעט פאַר ווייניקערע שכירות, וועט ער געוויס אָנשטעלן שווארצע. די איינציקע לייזונג איז — אויפוועקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די שווארצע, געבן זיי צו פארשטיין זייער אייגענע לאַגע, אריינגעמען זיי אין די יוניאָנס צוזאַמען מיט די ווייסע ארבעטער, דערוועקן אין זיי דעם גייסט פון קאַמף, מאָביליזירן זיי צום ווידערשטאַנד קעגן די באַלעבאַטים. דאָס הייסט אָבער, — איינפירן פולע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גלייכהייט פאַר ווייסע און נעגערס אין די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס גופא. און אויב מען וויל באמת פארטיידיקן די אינטערעסן פון די נעגערס, הייסט עס קעמפן אויך אַלע איבעריקע מלחמות פון די נעגערס, אריינגערעכנט די מלחמה פאַר זעלבסט־באַשטימונג. די קלאַסן־אינטערעסן גופא צווינגען דעם ארבעטער־קלאַס צו פראַקטיצירן גלייכהייט.

און לאָמיר דאָ זאָגן אַ זאַך, וואָס ס'איז אָפט פיינלעך צו הערן. אין אונזערע אייגענע רייען איז נאָך ניט אויסגעלעבט דאָס געפיל, אַז די ווייסע זיינען העכער פון די שווארצע. עס זיינען דאָ אידישע ארבעטער, וואָס קאָנען זיך נאָך ניט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דער נעגער־ארבעטער איז אַ גלייכער מיט זיי. עס איז דאָ אַ ווייסער אתה־בחרתנו־געפיל, וואָס ווערט געווייינלעך באַצייכנט מיט'ן וואָרט „ווייסער שאָוויניזם“. די דאָזיקע מגפה מערקט זיך שוין שארפער אין דער סאָוט, ספּעציעל צווישן אזוינע מיטגלידער, וואָס געהערן צו דער האָרעפּאַשנער קליין־בורזשואזיע.

עס איז די אויפגאַבע פונ'ם אָרדן אַלס פּראָלעטארישע אָרגאַניזאַציע צו קעמפן קעגן יעדער שפּור פון ווייסן שאָוויניזם. עס איז די אויפגאַבע פונ'ם ארבעטער־אָרדן צו קעמפן האַנט אין האַנט מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער פאַר נעגער־גלייכהייט, אריינגערעכנט זעלבסט־באַשטימונג.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז דאָ אַ סך ארבעטער, וואָס סימפּאַטיזירן מיט'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד גלאַט אזוי זיך, ווייל זיי האָבן נקמה אָן די קאַפּיטאַליסטן, אָדער אָן די פּריצים, אָדער אָן ניקאָלאַיען. אָפט קאָן מען הערן פון אזוינע ארבעטער: אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע וועט ניט קומען אפילו אין הונדערט יאָר, אָבער אויב די ארבעטער פון רוסלאַנד האָבן שוין יאָ איינגעפירט אַ סאָוועטישע רעגירונג, בין איך צופרידן.

אַזאַ באַציאונג איז ניט ריכטיק. מיר סימפּאַטיזירן מיט'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט צוליב פילאַנטראָפּיע און ניט אפילו צוליב נקמה. דאָס וואָרט סימפּאַטיזירן אַליין איז ניט ריכטיק. עס אַנטהאַלט אין זיך אַ ליבעראַלע אידעע. סימפּאַטיזירן קאָן מען נאָר מיט אַ זאַך, וואָס קערט זיך מיט אונז אַליין אייגנטלעך ניט אָן. סימפּאַטיזירט מען פון דרויסן.

פאר׳ן ארבעטער־קלאס איז דער סאָוועטן־פארבאנד ניט קיין זייטיקע זאך. עס איז ניט עפּעס אזוינס, וואס איז געשען אויסער אונזער לעבן. עס איז א טייל פון אונזער אייגענעם לעבן. עס איז א דערגרייכונג פון דעם אל־וועלטלעכן ארבעטער־קלאס. די ארבעטער פונ׳ם סאָוועטן־פארבאנד זיינען דער אוואנגארד פון דעם גאנצן ארבעטער־קלאס. ווען דער סאָוועטן־פאר־באנד וואלט פארשוואונדן (אפילו שונאים מוזן צוגעבן, אז דאס איז איצט שוין ניט מעגלעך), וואלט די לאגע פון דעם אלוועלטלעכן ארבעטער־קלאס געוואָרן פיל ערגער. דורך דעם, וואס דער סאָוועטן־פארבאנד עקזיסטירט און מאכט איין דערפאלג נאכ׳ן צווייטן, איז די לאגע פונ׳ם ארבעטער־קלאס איבער דער גאנצער וועלט געוואָרן פעסטער. ווען צום איצטיקן סאָוועטן־פארבאנד וואלט צוגעקומען כאטש נאך איין סאָוועטישע רעפּובליק, וואלט די אויפגאבע פון ברעכן דעם קאפּיטאליזם אין אלע אנדערע טיילן פון דער וועלט געוואָרן אומגעהויער פארלייכטערט.

דער סאָוועטן־פארבאנד וויזט דעם וועג פאר די ארבעטער פון אלע אימפּעריאליסטישע לענדער און פאר די אונטערדריקטע מאסן אין די קאלאָ־ניאלע און האלב־קאלאָניאלע מדינות. פארטיידיקן דעם סאָוועטן־פארבאנד איז די אויפגאבע פונ׳ם ארבעטער־קלאס אין אלע טיילן פון דער וועלט. פארטיידיקן דעם סאָוועטן־פארבאנד איז אויך די אויפגאבע פון דעם אינ־טערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן.

די ארבעט דארף געטאן ווערן אויף דרייערלעכע אופנים: ערשטנס, פארשפּרייטן צווישן די מאסן א ריכטיקע פארשטענדעניש וועגן דער באדיי־טונג און די דערגרייכונגען פונ׳ם סאָוועטן־פארבאנד, וועגן דעם 5־יאָריקן פּלאן, וועגן דער קולטורעלער רעוואָלוציע און וועגן דעם, וואס דער סאָוועטן־פארבאנד האט אויפגעטאן פאר די מינאריטעט־נאציאָנאליטעטן; צווייטנס, אָנפירן דא אין לאנד א פארצווייגטן פּאליטישן קאמף קעגן די שטרעבונגען פון אמעריקאנישן אימפּעריאליזם צו שעדיקן דעם סאָוועטן־פארבאנד אָדער צו נעמען קעגן אים מיליטערישע טריט; דריטנס, באטייליקן זיך מאטעריעל אינ׳ם אויפבוי פונ׳ם סאָוועטן־פארבאנד.

די דאָזיקע אויפגאבע איז באזונדערס דרינגנד צוליב דעם, וואס די סאָציאל־דעמאָקראטן און די יוניאָן־ביוראָקראטן האבן קאָנצענטרירט זייער א גרויסן טייל פון זייער פּראָפּאגאנדע אויפ׳ן סאָוועטן־פארבאנד אלס דעם איינציקן לאנד, וואו די ארבעטער הערשן. פּראָפּאגאנדע קעגן סאָוועטן־פארבאנד איז פּראָפּאגאנדע פאר׳ן קאפּיטאליזם. די סאָציאל־דעמאָקראטן און יוניאָן־ביוראָקראטן טוען דערביי די ארבעט פון שויף־פּאָסטנס פון זייערע באלעבאטים. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פונ׳ם ארבעטער־קלאס דארפן אָפּשלאָגן אָט די גיפטיגע גאז־אטאקע און מאָביליזירן די ארבעטער ארום דעם סאָוועטן־פארבאנד.

א פּאָר ווערטער וועגן דער מאטעריעלער הילף. די שונאים פונ׳ם אר־

בעטער־קלאס קומען ארויס מיט א טענה: אויב די סאוועטישע רעפובליק מאכט אזוינע גרויסע דערפאלגן, וואס דארף מען נאך זאמלען הילף אין אנדע־רע לענדער? אויב עס איז אמת, אז דירעגירונג איז אזוי פריינדלעך צו דער אידישער קאלאניזאציע, טא פארוואס דארף מען נאך האבן די געלט־מיטלען פון דעם „איקאר"? און אויב מען דארף שוין העלפן אימיצן אין סאוועטן־פארבאנד, טא פארוואס זאל מען ניט העלפן די נעשטשאסנע פאבריקאנטן און סוחרים, וואס ווערן אן זייער פרנסה צוליב דער קאנקורענץ פון די סאוועטישע קאאפעראטיוון? פארוואס ניט העלפן די ארימע רבנים און מלמדים, וואס די סאוועטישע הערשער נעמען ביי זיי צו די קנעלונג?

די דאזיקע אלע פראגן זיינען פראגן פון שונאים. דער סאוועטן פאר־באנד האלט זיך אין בויען, אבער דער גרויסער בנין איז נאך ווייט ניט פאר־ענדיקט. צוריק מיט צען יאר איז דאס לאנד פון די סאוועטן געווען א חורבן. צוריק מיט פינף יאר איז שוין געווען א בעסערע עקאנאמישע לאגע. היינט פראדוצירט דאס לאנד צוויי מאל אזוי פיל ווי ס'האט פראדוצירט פאר דער מלחמה. ווען דער 5־יאריקער פלאן וועט זיין פארענדיקט, וועט דער סאוועטן־פארבאנד שטיין אויף א גאר הויכער מדרגה. אבער דאס הייסט ניט, אז הילף איז ש ו י ן איבעריק. ווען א הויז האלט זיך אין בויען, קאן נאר א בייזוויליקער אדער א משוגענער פרעגן, פארוואס ס'איז נאך ניט באקוועם דארט צו וואוינען. ווען דער סאוועטן־פארבאנד וועט האבן ארויפגעשטיגן אויף דער הויך, צו וועלכער עס פירט אים די פראלעטארישע דיקטאטור, וועט ער קאנען העלפן די נויט־ליידנדיקע ארבעטער איבער דער גאנצער וועלט. אבער דערווייל נויטיקט ער זיך נאך אין הילף און דערווייל איז וויכטיק פאר די ארבעטער־מאסן צו האבן דאס געפיל, אז זיי באטייליקן זיך ממשות'דיק אין דעם אויפבוי פון דער ערשטער סאוועטישער רעפובליק און אז זיי דער־מאנסטרירן דערמיט די אינטערנאציאנאלע אייניקייט פונ'ם ארבעטער־קלאס.

די פארשידענע אידישע בעלי־טובות, אריינגערעכנט די אזוי גערופענע סאציאליסטן, נעמען זיך שטארק צום הארצן דעם גורל פון די בורזשואזע און דעקלאסירטע עלעמענטן. אבער דאס איינציקע מיטל צו פארוואנדלען די דעקלאסירטע אין פראדוצירער איז — אויפבויען דעם סאוועטן־פארבאנד. דאס אריינציען פון דעקלאסירטע אין פראדוקטיווער ארבעט איז פארגעקו־מען זייער שנעל אין די לעצטע יארן, און ווען דער פינף־יאריקער פלאן וועט זיין פארענדיקט, וועט די צאל דעקלאסירטע שוין זיין באדייטנדיק פארקלע־נערט. ווער עס וויל דעריבער העלפן די דעקלאסירטע מיט אזא הילף, וואס וועט בלייבן אויף שטענדיק, דארף העלפן אויפבויען דעם סאוועטן־פארבאנד. וואס איז שייך די רעשטן פון דער בורזשואזיע און די כלי־קודש, וועלן זיי אינגאנצן דארפן פארשווינדן. זיי וועלן זיך מוזן דעקלאסירן און פראלעטא־ריזירן, — און ווער עס קעמפט פאר דער מעגלעכקייט זיי צו דערהאלטן ביים לעבן, דער קעמפט נאר קעגן זייערע אייגענע בעסער פארשטאנענע אינטערעסן.

דאָס אַלץ האָט אַ דירעקטע שיכות צום אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן. עס צאַנקט נאָך ערגעץ אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „דער אידי־שער געצייג־קאַמפּיין" און וואָס דאַרף כּלומרשט העלפן „אונזערע אָרימע ברידער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד". לאָמיר זיך ניט שעמען אויסצוזאָגן, אַז אייניקע פון די איצטיקע מיטגלידער פון'ם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן האָבן סימפּאַטיזירט מיט'ן געצייג־קאַמפּיין. און לאָמיר זאָגן אָט די עלעמענטן, אַז מיט זייער סימפּאַטיע האָבן זיי געהאָלפן די ערגסטע שונאים פון'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָרום דער געצייג־קאַמפּיין איז אויסן געווען ניט אַזוי מאַטעריעלע הילף פאַר די דעקלאַסירטע, ווי כוליגאַנישע אַגיטאַציע קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

פון אַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַפּערירן אין אַמעריקע מיט'ן צוועק צו העלפן די אידן פון'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז נאָר דער „איקאָר" — אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּראָלעטאַרישן פונדאַמענט און נאָר דער „איקאָר" העלפט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַ פריינדלעכן גייסט. דער „איקאָר" איז די אייניציקע אָרגאַניזאַציע וואָס העלפט ספּעציעל דער קאָלאָניזאַציע פון בירא בידזשאַן.

אויב עס איז ערגעץ מעגלעך אַ קאָנצענטראַציע פון גרויסע אידישע האַרעפּאַשנע מאַסן, סיי אויף דער ערד, סיי אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונ־גען, און אויב די אויסזיכטן זיינען ווען געווען גוט פאַר אַזאַ קאָנצענטרירטן אידישן ישוב, איז דאָס בירא־בידזשאַן. די געגנט איז גוט, געזונט און פרוכטבאַר. דאָס לאַנד איז כּמעט ליידיק. די נאַטירלאַכע אוצרות זיינען פאַרשידנאַרטיק און רייך. די סאָוועטן־רעגירונג גיט אַ ברייטע שטיצע דער אידישער קאָלאָניזאַציע. בירא־בידזשאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונדערן אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן מיט אַן אייגענער פאַרוואַלטונג. די אויפזיכט איז, אַז ווען די אידן וועלן דאָרטן בילדן אַ מערהייט — און דאָס קאָן געשען אין משך פון די נאָענטע פאַר יאָר — זאָל די פאַרוואַלטונג ווערן אידיש און עס זאָל זיך בילדן עטוואָס ווי אַ ספּעציעלע אידישע רעפּובליק.

מיר באַטאָנען דאָס ניט צוליב נאַציאָנאַליזם, נאָר כּדי נאָך אַמאָל צו דערמאָנען די אידישע ארבעטער, אַז די סאָוועטישע רעפּובליק מיינט ערנסט מיט דער גלייכהייט פון די מאַסן פון יעדן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם און אַז נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די נאַציאָנאַלע פראַגע געלייזט געוואָרן אַזוי, אַז עס איז מעגלעך אַ פרידלעך, ברידערלעך צוזאַמענלעבן פון אַלע.

דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אָרדן איז אַן ארבעטער־אָרגאַניזאַציע. ער וועט זיך דאַרפן אָפּגעבן מיט ארבעט פאַר'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אַלע געביטן. דאָס דאַרף זיין איינער פון די וויכטיקסטע פּונקטן אין זיין טעטיקייטס־פּראָגראַם.

עקאָנאָמישע אַקציע

פאַרזיכערונגס־ארבעט

דער אָרדן איז קודם־כל אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע. ער פאַרזיכערט זיינע מיטגלידער אויפ׳ן פאַל פון טויט און אויפ׳ן פאַל פון קראַנקהייט. דאָס איז זיין הויפּט פונקציע. דאָס איז דער באַזיס פון זיין עקזיסטענץ. עס איז אמת, אַז אָט די טעטיקייט איז אַרויפגעצוואונגען אויף די ארבעטער דורך דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דאָ סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס. אין דייטשלאַנד זיינען 22 מיליאָן מענטשן פאַרזיכערט קעגן קראַנקהייט, ארבעטסלאָזיקייט און אויפ׳ן פאַל פון טויט. אין ענגלאַנד ווערן אַן ערך 18 מיליאָן מענטשן אַרומגענומען דורך די פאַרזיכערונגס־געזעצן. פון זיי געהערט אַ געוויסער טייל צום ארבעטער־קלאַס. אמת, אויך דאָרט זיינען די פאַרזיכערונגס־געזעצן ניט גענוג פאַר די אַרבעטער. די קאָמפּענסאַציע איז קליין און קאָן ניט באַפרידיקן די ארבעטער־נויטן. דערצו דאַרפן די ארבעטער אַליין איינצאָלן אַ טייל פון די פאַרזיכערונגס־פאָנדן, וואָס אין אמתן וואָלטן זיי געדאַרפט געשאַפן ווערן פון די קאַפּיטאַליסטן און פון דעם אַלגעמיינעם מלוכה־בודזשעט. אָבער דאָך איז אָט די פאַרזיכערונג בעסער פון גאָרניט. אין אמעריקע, אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט, איז ניטאָ קיין שום ארבעטער־פאַרזיכערונג. די ארבעטער זיינען אינגאַנצן שוצלאָז אין פאַל פון קראַנקהייט, אין פאַל פון אומפייאיקייט צו ארבעטן צוליב פאַרקריפלונג, אין פאַל פון ארבעטסלאָזיקייט. די פאַמיליען פון ארבעטער זיינען הילפלאָז אין פאַל ווען עס שטאַרבט איינער פון זייערע מיטגלידער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער איז דערוויל נאָך אַ סך אָרימער אין מאַטעריעלע קרעפטן, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערן ביליאָנען אויסגעגעבן אויף דער פאַרשידנאַרטיקסטער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אין אַמעריקע, וואו די ארבעטער האָבן מיט זייער מי פּראָדוצירט אַזוינע ריזיקע מאַסן־רייכטום, געפינען זיי זיך אין דער נעבאַכדיקסטער לאַגע וויבאַלד זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער דזשאָב — וואָס דאָס איז געוויינלעך ניט זייער שולד.

אין אַזוינע אומשטענדן זיינען די ארבעטער געצוואונגען צו פּרואוון שיצן זיך אַליין אויף וויפיל עס לאָזט זיך. די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע איז אַ מיטל פון אַזאַ שוץ. די פאָנדן ווערן געשאַפן דורך די ארבעטער אַליין. אָבער דאָך איז דאָס אַ שטיקל הילף. אַן ארבעטער צאָלט עטלאַכע יאָר פאַר אַ פאַליסי פון $500 צי פון $1,000, איז ער זיכער, אַז אין פאַל פון טויט

וועט זיין פאמיליע ניט בלייבן הילפלאז. אן ארבעטער צאָלט אין דעם קראַנקן־פאָנד, איז ער זיכער, אז ווען ער וועט קראַנק ווערן, וועט ער באַקומען כאָטש א קליינע הילף.

דאָס איז דער זין און דער צוועק פון יעדן פראַטערנאַלן אָרדן. דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן. עס איז פאַרשטענדלעך, אז דער אָרדן האָט אויך אין געלט־זאַכן אן אנדער קוק אויף די פאַרשידענע פראַגן, ווי די עלטערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די אידישע ארבעטער האָבן געשאַפן און וואָס זיינען איצט געוואָרן בורזשואַזיפיצירט. דער אָרדן דאַרף ניט זיין ביוראָקראַטיש. ער דאַרף ניט זיין צו פאָרמאַליסטיש. ער דאַרף ניט צוריקווייזן א גערעכטע פאָדערונג פון אן ארבעטער, נאָר צוליב דעם, וואָס א געוויסער בוכשטאַב פון א געווויסן פאַראַגראַף איז צופעליק ניט דערפילט געוואָרן. אין דער זעלביקער צייט אָבער דאַרף ער שטרענג אכטונג געבן אויף דער פינאַנציעלער זייט פון זיין ארבעט. עס טאָר זיך ניט אנטוויקלען צווישן די מיטגלידער א שטימונג, אז, נישקשה, דער אָרדן וועט צואוואַרטן; מען דאַרף זיך ניט איילן מיט צאָלן דיוס און אויספילן אַלע אנדערע פונקטן; ס'איז דאָך אן אייגענע אָרגאַניזאַציע; מען וועט שוין דורכקומען ווי ניט איז. אויב אָט דאָס זאָל זיין די שטימונג פון א באַדייטנדיקער צאָל מיטגלידער, וואָלט דער פינאַנציעלער באָדן אונטערגעגראָבן געוואָרן אונטער דעם אָרדן. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דאַרף צאָלן טויטן־פאָליסים, זי דאַרף שטיצן קראַנקע, זי דאַרף באַגראָבן טויטע, זי דאַרף העלפן לעבעדיקע. וואו וועט זי נעמען די נויטיקע סומען, אויב די מיטגלידער וועלן ניט צאָלן אין דער צייט? אין דעם פּרט מוז יעדער איינער זיין שטרענג מיט זיך.

די לאָקאַלע פאַרוואַלטונגען, פונקט ווי די נאַציאָנאַלע, דאַרפן היטן יעדן גראָשן פון'ם אָרדן. עס דאַרפן ניט זיין קיין צו גרויסע הוצאות. עס דאַרפן ניט זיין קיין איבעריקע הוצאות. עס איז א גוטע נייעס, אז א טייל קולטור־ארבעט ווערט געטאָן אומזיסט. דער אָרדן דאַרף מאָביליזירן א גאַנצע רייע קולטור־קרעפטן, וואָס ארבעטן ניט פאַר געלט, נאָר אויס איבערגעגעבנקייט צו דער אידעע. דאָס איז מעגלעך; מען דאַרף נאָר האָבן דעם ווילן.

קורץ: עקאָנאָמיע איז איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און פאַר דעם גאַנצן אָרדן. פון דער אנדערער זייט זיינען אָבער דאָ אַזוינע אויסגאַבן, וואָס וועלן פאָדערן געוויסע קרבנות סיי מצד דעם אָרדן אַלס גאַנצער, סיי מצד זיינע איינצלנע מיטגלידער. דער אָרדן קאָן ניט זיין שמאָל־האַרציק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די קלאַסן־אינטערעסן פון'ם ארבעטער־קלאַס.

וו אָ ס ד ע ר א ר ב ע ט ע ר ג ע וו י נ ט פ ו נ ׳ ם א ר ד ן. איינס איז קלאָר. אַז אויב דער ארבעטער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן אין אַן אַלגעמיינער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, וואָלט עס אים געקאָסט אַ סך טייערער, ווי עס קאָסט אים אינ׳ם אָרדן.

מיטגלידשאַפט אינ׳ם ארבעטער־אָרדן איז אַ דירעקטער און באַדייטנ־דיקער געווינס.

די צאָלונגען, וואָס די מיטגלידער דאַרפן מאַכן, זיינען פאַרשידן וועדליק דעם עלטער. אויף אַ פּאָליסי פון $1,000 דאַרף אַ פּערזאָן אין עלטער פון 25 ביז 30 יאָר צאָלן אין די געוויינלאַכע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן $1.90 אַ חודש. אין דעם אידישן נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד, וואָס ער איז אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, צאָלט מען $1.27. אינ׳ם ארבעטער־רינג, וואָס ער איז אויך אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, צאָלט מען $1.10. אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן צאָלט מען נאָר 44 סענט. דאָס הייסט, אַז די ראַטן (רעיטס) פון דעם ארבעטער־אָרדן זיינען אריבער פיר מאָל קלע־נער ווי די ראַטן פון די אַלגעמיינע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, דריי מאָל קלענער ווי די ראַטן פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד און אריבער צוויי מיט אַ האַלב מאָל קלענער ווי די ראַטן פונ׳ם ארבעטער־רינג.

פאַר דער צווייטער עלטער־גרופּע — פון 30 ביז 35 יאָר — האָבן מיר די פאָלגנדיקע ציפערן פער מאָנאַט פאַר $1,000: אַלגעמיינע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן $2.15, אידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער־פאַרבאַנד $1.46, ארבע־טער־רינג $1.30, אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אָרדן 47 סענט.

פאַר דער גרופּע פון 35 ביז 40 יאָר זיינען די ציפערן: $2.60, $1.70, $1.57 און 55 סענט. פאַר׳ן עלטער פון 40 ביז 45 יאָר זיינען די ציפערן: 3.17, $203, $1.90, און 60 סענט. פאַר דער גרופּע עלטער פון 45 יאָר זיינען די ציפערן: $3.92, $2.49, $2.40, און 73 סענט.

די דאָזיקע ציפערן באַווייזן, אַז אפילו געשעפטלעך לוינט זיך פאַר אַן ארבעטער אריינצוטרעטן אינ׳ם ארבעטער־אָרדן בעסער ווי אין דעם אר־בעטער־רינג אָדער אין אַן אנדער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, שוין ניט רעדנ־דיק וועגן פאַררזיכערן זיך אין אַזאַ אַלגעמיינער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו דיסקוטירן די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. אָבער איין פראַגע מוז געענטפערט ווערן אויפ׳ן אָרט. ווי קומט עס, וואָס דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן לוינט זיך צו נעמען פון זיינע מיט־גלידער אומגעפער איין פערטל פון דעם, וואָס עס נעמען די אַלגעמיינע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן? וועט דער ארבעטער־אָרדן קאָנען נאָכקומען זיינע פאַרפּליכטונגען? איז דאָ ניט פאַראַן עפּעס אַן אומזיכערקייט?

מיר וואָלטן זיך, אמת, געקאָנט באַרופן אויף דער אָפיציעלער רעגירונגס־אויפזיכט, וואָס איז גענוג שטרענג צו אַן ארבעטער־אָרגאַניזאַציע און וואָס

וואלט מסתמא ניט דורכגעלאזט קיין אומגעזונטע ראטן־סיסטעם. אבער דאס איז דא ניט נויטיק. דער אמת איז, אז די אלגעמיינע פארזיכערונגס־געזעל־שאפטן שינדן די הויט פון זייערע קונדן און שמידן ביליאנען פון שווינדל.

מיר ווילן ברענגען א פאר ציפערן פון מר. אייבראהעם עפשטיין, א ספע־ציאליסט אין פארזיכערונגס־פראגן און ווייט פון ראדיקאליזם. אין א רייע ארבעטן ווייזט מר. עפשטיין אן אויף די פאלגנדע פאקטן: דער פרעזידענט פון דער מעטראפאליטאן לייף אינשורענס קאמפאני באקומט א געהאלט פון $200,000 א יאר. איינער פון זיינע זין, וועלכער פארנעמט אפיציעל דעם פאסטן פון וויס־פרעזידענט, באקומט $35,000 א יאר. דער וויס־פרעזי־דענט פון דער מעטראפאליטאן לייף אינשורענס האט אין 1928 באקומען יערלעך א געהאלט פון $175,000. דער פרעזידענט פון דער ניו־יארק לייף אינשורענס קאמפאני באקומט א געהאלט פון $126,600 א יאר. איינער פון די וויס־פרעזידענטן פון ניו יארק לייף באקומט $53,333.21 א יאר. דריי אנדערע באאמטע פון דער זעלביקער קאמפאניע באקומען די נישטיקע סומע פון $162,701 א יאר. דאס טוט זיך אין דער זעלביקער צייט, ווען די אנ־געשטעלטע פון דער מעטראפאליטאן לייף אינשורענס קאמפאני הויבן אן זייער דינסט מיט א געהאלט פון $12 א וואך; נאך דריי יאר ארבעט און גוטע אויפפירונג ארבעטן זיי זיך ארויף אויף $16 א וואך, און נאכדעם ווי זיי האבן אפגעארבעט פון 1 ביז 20 יאר, דערשלאגן זיי זיך ערשט צו דעם ריזיקן פארדינסט פון $33 א וואך. אין 1928 האט די מעטראפאליטאן לייף אינשורענס פארמאגט ניט ווייניקער ווי 32,000 אנגעשטעלטע.

פארוואס קאסט אזוי טייער אין די אלגעמיינע פארזיכערונגס־געזעל־שאפטן? דערפאר וואס מען דארף האבן מיליאנען און מיליאנען אויף אויסצוהאלטן אט די טייערע פרעזידענטן, וויס־פרעזידענטן און אנדערע באאמטע, וואס נעמען זיך גרעסערע געהאלטן, ווי דער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן און זיינע מיניסטארן. אבער ניט דאס איז די איינציקע סיבה. די געזעלשאפטן זיינען פריוואטע קאמפאניס. זיי זוכן ביזנעס. זיי שיקן ארויס מחנות אגענטן איינצורעדן דעם עולם, אז מען זאל זיך פארזיכערן. די דאזיקע אגענטן באקומען גוט באצאלט פאר יעדן נייעם קונד, וואס זיי קריגן אריין. צוריק מיט א יאר האט דער סופערינטענדענט פון דער ניו־יארק סטייט אינשורענס דעפארטמענט געמאכט א חשבון וועגן 47 קאמפאניס, וואס מעגן טאן ביזנעס אין ניו־יארק סטייט, און וועגן 215 אנדערע פארזי־כערונגס־געזעלשאפטן, וואס טארן ניט טאן קיין ביזנעס אין ניו־יארק סטייט. האט זיך ארויסגעוויזן, אז די ערשטע באצאלן די אגענטן 48 פראצענט פון דער סומע, וואס דער נייער קונד צאלט איין דער קאמפאני דאס ערשטע יאר, בשעת די אנדערע קאמפאניעס באצאלן אפילו אזויפיל ווי 75½ פראצענט. ד. ה., אז פון יעדע הונדערט דאלאר, וואס א קונד האט איינגעצאלט דאס ערשטע יאר, באקומט די געזעלשאפט אין ניו־יארק נאר $52 און די געזעל־

שאפּטן אויסער ניו־יאָרק ניט מער ‎$24.50‎. אין יאָר 1928 האָבן די אונטער־זוכטע פּאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אריינגעקראָגן אין צאָלונגען פאַר נייע פּאָליסים די סומע פון ‎$269,713,118‎. פון זיי האָבן די אַגענטן באַקומען ‎$114,848,777‎. די דאָזיקע גאַנצע מיליאָנען ווערן, פאַרשטייט זיך, געדעקט פון דער קעשענע פון די קונדן.

באַטראַכט מען די אַלגעמיינע הוצאות פון די פּאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, באַקומט זיך אָט וואָס. אין 1928 האָבן אַלע פּאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אויסגעגעבן ‎$2,202,527,550‎. אָבער פון דער סומע האָבן זיי אויסגעצאָלט צו די קונדן ניט מער ווי ‎$1,540,211,456‎. די איבעריקע ‎$662,316,094‎ זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף צוו פּאַרוואַלטן די געשעפטן פון די געזעל־שאַפטן און אויף דיווידענדן פאַר די אַקציאָנערן. דאָס הייסט, אַז 30 פּראָ־צענט פון אַלע צאָלונגען זיינען אוועקגעגאַנגען אויף פּאַרוואַלטונגס־הוצאות און דיווידענדן — אַ ריזיקער פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט יעדן אַנדערן געשעפט.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די פּאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן רייסן פון די קונדן אַזוינע שווערע צאָלונגען. עס זאָל הייסן, אַז מען פאַרזיכערט דעם אָרימען מענטשן אויף׳ן פאַל פון טויט. אין אמתן פאַרזיכערט מען די אינשורענס־מאַגנאַטן מיט הונדערט־טויזנט־דאָלאַרדיקע געהאַלטן און די פאַר־שידענע אַקציאָנערן מיט ריזיקע דיווידענדן. די פּאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן האָבן ליב צו דערציילן, אַז זיי זיינען „אָרגאַניזאַציעס פון זעלבסט־הילף” און „קאָאָפּעראַטיוון”. אין אמתן זיינען זיי אָרגאַניזאַציעס פון הילף פאַר די פּרעזידענטן און אַנדערע הויכע באַאַמטע.

אין א. א. א. קאָן די פּאַרוואַלטונג ניט קאָסטן צו פיל. די אויסגאַבן זיינען שטרענג פיקסירט. אַ חוץ די אָפּצאָלונגען פאַר דער פּאָליסי און אַ חוץ די אָפּצאָלונגען פאַר דעם קראַנקן־פאָנד (אָנגעהויבן מיט 38 סענט אַ חודש און ביז ‎$1.08‎ אַ חודש — ווערליק די גרוים פון דער הילף, וואָס מען וויל באַקומען אין פאַל פון קראַנקהייט) צאָלט יעדער מיטגליד 55 סענט אַ חודש צו דעקן אַלע הוצאות. די דאָזיקע 55 סענט ווערן איינגעטיילט אַזוי: פּאַרוואַלטונגס־הוצאות פון דעם צענטראַלן אָפיס 27 סענט; אָרגאַניזאַציע־פאָנד 8 סענט; קולטור־פאָנד 5 סענט; שול־פאָנד 5 סענט; זשורנאַל־פאָנד 5 סענט; סאַניטאַריום־פאָנד 2 סענט; פּובליסיטי פאָנד 2 סענט און יוגנט־פאָנד 1 סענט. דאָס הייסט, אַז אויב דער אָרדן פאַרמאָגט 10,000 מיטגלידער באַקומט דער נאַציאָנאַלער אָפיס יעדן חודש אויף זיינע אַל־געמיינע אויסגאַבן די סומע פון ‎$2,700‎. איבערטרעטן דעם פאָנד קאָן מען ניט. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע אַלע אַנדערע הוצאות.

מען זאָל ניט אוועקמאַכן מיט׳ן האַנט די פינאַנציעלע געווינסן פון געהערן צום א. א. א. אינ׳ם א. ר. זיינען אי די ראַטן, אי די הוצאות באַ־

דייטנדיק גרעסער. די לאגע אינ'ם א. ר. ווערט בכלל אלץ אומזיכערער א דאנק דעם, וואס די צאל מיטגלידער פארקלענערט זיך, וואס קיין יונגע מיטגלידער קומען כמעט ניט צו, וואס די עלטערע מיטגלידער ווערן אלץ עלטער, און וואס עס פאלן דעריבער אלץ שווערערע פליכטן אויף דער קאסע פון דער ארגאניזאציע. די ראטן פונ'ם א. ר. זיינען לכתחילה געווען צו הויך. די איצטיגע ראטן־סיסטעם האט מען איינגעפירט ערשט נאכדעם, ווי דער א. ר. האט אפגעלעבט גאנצע זעכצן יאר.

נאך אמאל: דער א. א. א. דארף האלטן א שארף אויג אויף זיינע עקאנאמישע טעטיקייטן. עקאנאמיע, „עפישענסי", ענערגיע און איבער־געבנהייט וועלן העלפן דעם ארדן ארויסגיין אויפ'ן ברייטן וועג.

עקאנאמישע טעטיקייט אינ־ם ברייטערן זין פונ־ם וואָרט. אבער דער א. א. א. טאר זיך ניט באנוגענען מיט ריינער פארזיכערונגס־ארבעט. אין איינער פון זיינע דעקלאראציעס האט דער ארדן געזאגט, אז ער טאר זיך ניט באנוגענען מיט סעמעטערי און בענעפיט. ער איז אן ארבעטער־ארגאניזאציע — און די עקאנאמישע קאמפן פונ'ם ארבעטער־קלאס זיינען אים ניט פרעמד. דער ארדן וועט זיך דארפן אקטיוו באטייליקן אין סטרייקס.

דאס וועט זיך דארפן אויסדריקן אויף צווייערליי אופנים.

ערשטנס: געלט. דער דערפאלג פון א סטרייק ווענדט זיך אפט אן מאטעריעלע מיטלען. דער ארדן קאן אויף דעם אדער יענעם אופן מאבי־ליזירן א געוויסן טייל פון זיינע מאטעריעלע מיטלען צו העלפן א סטרייק. ער וועט דאס מוזן טאן — אפשר ניט אלעמאל, אבער אין וויכטיקע, דרינגנ־דיקע פאלן, וואו עס שטייען אין קאן אינטערעסן פון ארבעטערמאסן. עס פאר־שטייט זיך, אז ער וועט ניט העלפן די אזוי גערופענע סטרייקס פון די יוניאן־פאררעטער, וועלכע זיינען ניט מער ווי מאנעוורעס צו פארבלענדן די אויגן פון די ארבעטער. ער וועט אבער יא דארפן העלפן די סטרייקס, וועלכע ווערן אנגעפירט אין גייסט פון קלאסן־קאמף און מאביליזירן באמת די אר־בעטער קעגן זייערע עקספלואטאטארס.

צווייטנס: פערזענלעכער אנטייל. דער א. א. א. וועט ניט זיין קיין איניציאטאר פון סטרייקס, ניט אויף א נאציאנאלן, ניט אויף א לאקאלן מאסשטאב. דאס איז די אויפגאבע פון די אינדוסטריעלע יוניאנס און פון די סטרייק־גרופן, וואס וועלן זיך אפשר שאפן ספאנטאן. אבער סטרייקס, ספעציעל אין היינטיקער צייט, פאדערן אפט ניט נאר די פינאנציעלע, נאר אויך די פיזישע הילף פון אנדערע ארבעטער. די פיקעט־ליין איז געווארן א געוויינלאכע דערשיינונג אין סטרייקס. פיקעט־דעמאנסטראציעס זיינען א וויכטיק קאמפס־מיטל. אין אזוינע דעמאנסטראציעס באטייליקן זיך אפט ניט נאר סטרייקער, נאר אויך ארבעטער פון אנדערע פאכן, וואס סימפאטי־

זירן מיט'ן סטרייק. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע און די לאָקאַלע ברענטשעס פון'ם א. א. א. וועלן ניט רופן קיין סטרייקס, אָבער אין געוויסע פאַלן וועלן זיי רופן זייערע מיטגלידער צו באַטייליקן זיך פּערזענלאַך אין דער אָדער יענער פּיקעט־ליין. דאָ, ווי אינ'ם פּאָליטישן קאַמף, געפינט זיך ניט דער אָרדן אין דער ערשטער ליניע פון קאַמף, אָבער דאָ און דאָרט רוקט ער זיך אַרויס פאָרויס און ווערט אַ טייל פונ'ם גאַנצן קעמפערישן פּראָלעטאַרישן פראָנט.

ד ע ר ק אַ מ ף פ אַ ר ס אָ צ י אַ ל ע ר פ אַ ר ז י כ ע ר ו נ ג.

דער א. א. א. איז אַן אָרגאַניזאַציע פון זעלבסט־פאַרזיכערונג. ער דערפילט אַן אויפגאַבע, וואָס דאַרף ליגן אויף די באַלעבאַטים און אויף דער מלוכה. עס איז דעריבער נאַטירלאַך, אַז ער זאָל זיין ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

די אויפגאַבע צו קעמפן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג שטייט איצט פאַר'ן ארבעטער־קלאַס אין איר גאַנצער גרויס. מיר האָבן איצט אַן ערך אַכט מיליאָן ארבעטסלאָזע אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער קריזיס ווערט ניט לייכטער. ווען אפילו זיין ערגסטע שאַרפקייט וועט אריבער און דער קאַפּיטאַליזם וועט אָנהייבן לאַנגזאַם ארויפשווימען אויף אַ נייער כוואַליע פון „פּראָספּעריטי" (וועלכע וועט געוויס ניט דערגרייכן די הויך פון 1928 און 1929), וועלן אַלץ נאָך בלייבן מיליאָנען ארבעטסלאָזע, וועלכע געפינען ניט קיין ארבעט. אַ שטענדיקע ארמיי פון ארבעטסלאָזע ווערט איצט איינע פון די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען פון דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם. אויב דער ארבעטער־קלאַס וויל ניט, אַז מיליאָנען פון זיינע מיטגלידער זאָלן הונגערן און הונדערטער טויזנטער זאָלן באמת שטאַרבן פאַר הונגער, וועט ער דאַרפן אָנהייבן אַ ברייטע אַקציע פאַר ארבעטסלאָזן־פאַרזיכערונג, קראַנקן־פאַרזיכע־רונג, טויטן־פאַרזיכערונג, עלטער־פאַרזיכערונג א. א. וו. אין אָט דעם קאַמף באַטייליקט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די ט. יו יו ל. אין דעם קאַמף דאַרפן זיך פאַרייניקן סיי די ארבעטסלאָזע, סיי די, וועלכע האָבן נאָך ארבעט. אין אָט דעם קאַמף וועט דער א. א. א. דאַרפן שפּילן אַ זייער באַדייטנדיקע ראָלע.

די פאָרמען פון דעם קאַמף וועלן זיך ווענדן אָן די אומשטענדן. אָבער איינס איז קלאָר: וואָס גרעסער עס וועט זיין דער אָרדן, אַלץ גרעסערע מאַסן וועט ער קאָנען מאָביליזירן צום קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. וואָס מער ער וועט אויפקלערן זיינע מיטגלידער וועגן דער נויטווענדיקייט פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס מער ער וועט בכלל זיי אויפקלערן בנוגע די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אַלץ ענערגישער וועט זיין זייער קאַמף אין אַלע פּרטים, אריינגערעכנט דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

קולטורעלע אַקציע

אַלגעמיינער באַזיס. די קאָנפערענץ פון דעם 30טן מערץ האָט דערקלערט:

„דער אָרדן אַנערקאָנט, אַז עס איז פאַראַן איין געביט, וואו ער קאָן באַזונדערס אַנטוויקלען אַ פּראָדוקטיווע טעטיקייט — און דאָס איז אויפ׳ן געביט פון קולטור. דער אָרדן זעט איין, אַז קולטור איז אַ מעכטיק געצייג אין די הענט פון דער בורזשואַזיע צו פאַרשקלאַפן די אַרבעטער־מאַסן און אַז דאָרט, וואו די בורזשואַזיע, דורך דער הילף פון אירע קינדער־שולן, פּרעסע, בילדונגס־אינסטיטוציעס פאַר דערוואַקסענע און דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, מאַכט דעם אָנשטעל פון „ברענגען ליכט צו די מאַסן“, ברענגט זיי אין אמתן אַזאַ אינפאָרמאַציע און באַאיינפלוסט זייערע מוחות אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן זיין געטרייע דינער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. דער אָרדן דערקלערט דעריבער, אַז עס איז זיין פליכט ניט נאָר צו אַנטוויקלען זיינע מיטגלידער קולטורעל, נאָר צו אַנטוויקלען זיי אויף אַ פּראָלעטאַרישן אופן, ד. ה. געבן זיי אַזאַ קולטור, וואָס זאָל קלאָרער מאַכן זייערע מחות, פאַרשטאַרקן זייער ווילן, פאַרפעסטיקן זייערע רייען, מאָביליזירן זיי צום קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, דערהויבן זיי צו דער מדרגה פון בויער פון אַ נייער געזעלשאַפט.“

די קאָנפערענץ האָט דערמיט אַנערקענט, אַז עס זיינען דאָ צוויי־ערליי קולטורן — אַ בורזשואַזע און אַ פּראָלעטאַרישע, און אַז דער צוועק פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן איז צו געבן זיינע מיטגלידער, ווי די ברייטע אידישע מאַסן איבערהויפּט, פּראָלעטאַרישע קוטלור.

די דאָזיקע פראַגע איז נאָך ניט גענוג אויפגעקלערט אפילו אינ׳ם לינקן פליגל. עס איז דעריבער נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף איר גענויער.

קודם־כל וועגן באַגריף "קולטור“. עס איז אָנגענומען ביי דער בורזשואַזער אינטעליגענציע און ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך אַמאָל אפילו גערעכנט פאַר מאַרקסיסטן, אַז דער באַגריף קולטור נעמט אַריין נאָר די אַזוי גערופענע „גייסטיקע ווערטן“, ד. ה. וויסנשאַפט, קונסט און דערציאונג אינ׳ם ברייטערן זין פונ׳ם וואָרט. דאָס איז ניט ריכטיק. דער מאַרקסיסטישער באַגריף פון קולטור נעמט אריין ניט נאָר די ווערטן, נאָר אויך די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט און אַלצדינג וואָס ס׳איז אויפגעבויט אויף אָט דעם עקאָנאָמישן באַזיס.

די עקאָנאָמישע סטרוקטור איז דער אופן, ווי אַזוי די פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע קלאַסן און גרופּן באַציִען זיך צום אַנדערן אין פּראָדוקציע־פּראָצעס. דאָס וואָס ריזיקע מאַסן פּראָדוקציע־מיטלען געפינען זיך אין די הענט פון יחידים, בשעת מיליאָנען און הונדערטער מיליאָנען מענטשן טראָגן יעדן טאָג זייער ארבעטס־קראַפט צו פאַרקויפן אויפ׳ן מארק, איז אַ טייל פון דער היינטיקער קולטור. דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטן זיינען פאַרייניקט אין מעכטיקע קאַרטעלן און טראַסטס צו באַהערשן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן, איז געוויס אַ טייל פון דער היינטיקער קולטור. דאָס, וואָס די אַגריקולטור איז צוריקגעשטויסן און פאַרנעמט אַן אומנוויכטיקן פּלאַץ אין פאַרגלייך מיט דער אינדוסטריע, איז אודאי אַ טייל פון דער היינטיקער קולטור. דאָס, וואָס נייע אייזנבאַנען, טעלעגראַפן, טעלעפאָנען, ראַדיאָ־פאַרבינדונגען און אַנדערע פּרוכט פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג דרינגען אריין אין די דזשאָנגלס פון אַפריקע און אין די מדבריות פון אַזיע, איז אַ טייל פון דער היינטיקער קולטור. מען קאָן ניט רעדן וועגן קולטור, סיידן מען רעדט וועגן דעם פ ו נ ד אַ מ ע נ ט פון יעדער קולטור — און דאָס זיינען די עקאָנאָ־מישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט און די אַלע דערשיינונגען, וואָס זיינען מיט אַט־דער סטרוקטור דירעקט פאַרבונדן.

עס איז אויך אוממעגלעך צו רעדן וועגן קולטור, ווען מ׳האָט ניט אין זינען דעם אופן, ווי אַזוי מענשן זיינען פאַרייניקט ארום דער פראַגע פון מאַכט, — וואָס אַט־די פאַרייניקונג ווענדט זיך אָן דעם פונדאַמענט — דער עקאָנאָמישער סטרוקטור. די געשיכטע ווייסט ניט פון אַזאַ צושטאַנד, וואו מענשן זאָלן לעבן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט איינער פונ׳ם צווייטן. „אַ מענש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה", האָבן געזאָגט די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן. קוים אָבער לעבן מענשן צוזאַמען, מוז שוין עקזיסטירן אַ געוויסער אופן, ווי אַזוי זיי באַציִען זיך איינער צום אַנדערן: עס מוז זיין אַ געוויסער אויטאָ־ריטעט; עס מוז זיין אַ געוויסע אָרדנונג. דאָס איז אַן עלעמענט פון קולטור.

די פּרימיטיווע פעלקער האָבן געלעבט אין אַזוי גערופענעם פּרימיטיוון קאָמוניזם. זיי האָבן ניט געוואוסט פון פּריוואַט־אייגנטום. די פּראָדוקציע־מיטלען האָבן געהערט אַ שבט אָדער אַ קלאַן. דער אויטאָריטעט איז געלעגן אין די הענט פון אַן עלטסטן, וועלכער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די ארבעט צווישן די מיטגלידער פון דעם סאָציאַלן איינס. געוויס איז דאָס געווען אַן אייסדרוק פון דער דעמאָלסדיקער קולטור, — באַזירט אַף דער דעמאָלסדיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור. אין מיטלאַלטערע זעען מיר אַן אַנדער סאָרט אָר־גאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. פּריוואַט־אייגנטום געפינט זיך אין די הענט פון די פעאָדאַלע פּריצים, אין די הענט פון דער קירכע און אין די הענט פון די שטאָטישע בעל־מלאכות. די געזעלשאַפטלעכע מאַכט, ד. ה. די מאַכט צו באַפעלן איבער אַנדערע, געפינט זיך אין די הענט פון די פּריצים. דער כלל איז: ערד־באַזיץ אַלס אַזעלכער איז אַ קוואַל פון מלוכה־מאַכט. ווער

ס'באזיצט ערד, דער הערשט. דער פויער באזיצט בכלל ניט קיין ערד — זיין שטיקל ערד געהערט דעם פעאָדאַלן פריץ אויב ניט פאַקטיש איז נאָמינעל. דעריבער האָט דער פויער קיין שום חלק ניט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה. די מלוכה פון מיטלאַלטער, ווי בכלל די פאַרשיידענע אופנים, ווי אזוי מענשן זיינען געווען פאַראייניקט צווישן זיך — אָרגאַניזאַציע פון פעאָדאַלע הערשער, אָרגאַניזאַציעס פון די שטאָטישע בעל־מלאכות, אָר־גאַניזאַציעס פון זייערע געהילפן, אָרגאַניזאַציעס פון דער קירכע, געוויסע עלע־מענטן פון דאַרפישער זעלבסטפאַרוואַלטונג — דאָס אַלץ איז אַ וויכטיקער טייל פון דער מיטלאַלטערלעכער קולטור. מען קאָן ניט האָבן קיין באַגריף וועגן דער מיטלאַלטערלעכער קולטור, ווען מען רעדט נאָר וועגן דער דאַמאָלס־דיקער פּאָעזיע, פילאָזאָפיע, אַרכיטעקטור, מאַלעריי א. אַז. וו.

און מען קאָן ניט האָבן קיין באַגריף וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער קול־טור, סיידן מען האָט אין זינען קודם כל דעם אופן, ווי די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן באַציען זיך איינער צום אַנדערן אין פּראָדוקציע־פּראָצעס, און דאַן דעם אופן, ווי זיי באַציען זיך איינער צום אַנדערן אַרום דער פראַגע פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט און ווי די מיטגלידער פון איין און דעם זעלביקן קלאַס באַציען זיך איינער צום אַנדערן אַרום דער פראַגע.

די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע פאַראייניקונג פון דער היינטיקער צייט איז די מלוכה. זי איז אַ צוואַנגס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס דעם גורל פון אירע מיטגלידער, צי יענע ווילן דאָס צי ניט. די מלוכה איז — אָרגאַניזירטע מאַכט פון איין קלאַס איבער אַלע אַנדערע קלאַסן. אין פאַרבינדונג מיט אַט־דער מאַכט זיינען פאַרשיידענע גרופּן פון דער געזעלשאַפט פאַראייניקט אויף אַלערליי אופנים — אין דער ערשטער ליניע: אין פּאָליטישע פּאַרטייען. אַהער דאַרף מען אויך צורעכענען די אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען צווישן מלוכות. אַט האָבן זיך געפונען געלערנטע, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דעם קאַפּיטאַליסטישן פּעריאָד אַלס אַ פּעריאָד, ווען מענשן זיינען אָרגאַניזירט אויף אַלערליי אופנים. אַ מענש קאָן זיין אַ מיטגליד פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, אַ מיטגליד פון אַ דאָרפישער פאַרוואַל־טונג, אַ מיטגליד פון אַ גרעסערער אַדמיניסטראַטיווער קערפּערשאַפט א. אַז. וו. די דאָזיקע אַלע אופנים פון פאַרבינדונג צווישן מענשן זיינען אַ כאַראַקטער־ריסטישער סימן פון דער מאָדערנער קולטור. זיי ווערן, ווי שטענדיק, באַ־שטימט דורך דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט.

מיר מוזן, הייסט עס, אויסברייטן דעם באַגריף קולטור און אַריינגעמען אַהינצו ניט נאָר די אזוי גערופענע „גייסטיקע ווערטן“, נאָר אויך די ע ק אָ־נ אָ מ י ש ע און פּ אָ ל י ט י ש ע (אינם ברייטערן זין) ס ט ר ו ק־ט ו ר פ ו ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט. אויב אָבער מיר שטעלן אזוי אוועק די פראַגע, ווערט שוין קלאָר פון ערשטן בליק, אַז די מאָדערנע קולטור, ד. ה. די קולטור פון דער בורזשואַזער עפּאָכע, הויפּטזאַכלעך פונם 19טן און

פון די ערשטע דריי צענדליק פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. **איז אין אַ גרויסער מאָס באַהערשט פון דער בורזשואַזיע און דריקט אויס די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.**

די עקאָנאָמישע סטרוקטור איז קאַפּיטאַליזם. עס איז אַ באַהערשונג פון דער גאַנצער וועלט דורך די באַזיצער פון פּריוואַט־אייגנטום. דאָס איז קלאָר פאַר יעדן קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אַרבעטער. דאָס נויטיקט זיך ניט אין ווייטערדיקע פּירושים. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַ קלאַסן־געזעלשאַפט. איין קלאַס (אינם ברייטערן זין פונם וואָרט) באַזיצט די פּראָדוקציע־מיטלען; אַן אַנדער קלאַס (אויך אינם ברייטערן זין) פּראָדוצירט זיי. דאָס איז דער אָנהויב און דער סוף פון קאַפּיטאַליזם. דאָס באַשטימט אַלע אַנדערע זייטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן לעבן. דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער פּאָליטישער סטרוקטור איז שוין ניט אַזוי בולט — לכל הפּחות פאַר די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, די אַזוי גערופענע קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן, די גלייכקייט פון אַלעמען פאַרן געזעץ, דאָס געריכט פון געשוואָרענע און ענלעכע אינסטיטוציעס ווערן פּראָקלאַמירט פאַר אינסטיטוציעס פונם גאַנצן פאָלק. די מלוכה ווערט די אינטערעסן און וואונטשן פון דער מערהייט פונם פאָלק. הינטער אָט־דער דערקלערט פאַר אַ דעמאָקראַטישער מלוכה, ד. ה. אַזוינע, וואָס דריקט אויס כלומר׳שטער דעמאָקראַטיע ליגט אָבער די פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. גענוג אַ קוק צו טאָן, **ווער** עס רעגירט און **אין וועמעס אינטערעסן** מען רעגירט, כדי דער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פון אָט־דעם טייל פון דער היינטיקער קולטור זאָל בלייבן אויסער צווייפל.

דערמיט וואָלט מען זיך אייגנטלעך געקאָנט באַנוגנען אין דער פראַגע וועגן קולטור. אויב דער מאַטעריעלער באַזיס פון דער געזעלשאַפט און די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט ווערן באַהערשט און קאָנטראָלירט דורך דער בורזשואַזיע, הייסט עס, אַז מיר לעבן אונטער דער הערשאַפט פון אַ בורזשואַזער קולטור.

נאָר דאָ קומען די פאַרטרעטער פון בורזשואַזן געדאַנק און זאָגן: צוגעגעבן אפילו, אַז אונזער געזעלשאַפט איז אַ קלאַסן־געזעלשאַפט (די בורזשואַזע טעאָרעטיקער זיינען דאָס אויך ניט גרייט צוצוגעבן; אַ גרויסער טייל פון די קאַפּיטאַליסטישע געלערנטע, עקאָנאָמיסטן, סאָציאָלאָגן און פּובליציסטן לייקענען, אַז מיר לעבן אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט), וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו גייסטיקע ווערטן? די דאָזיקע ווערטער זיינען פריי. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פונם פרייען מענשלעכן געדאַנק. זיי זיינען וויכטיק פאַר יעדן מענשן, און זיי רעדן צו יעדן מענשן, צי ער איז אַ באַזיצער פון פּריוואַט־אייגנטום,

צי א פארקויפער פון ארבעטס־קראפט. אפן שוועל פונם טעמפל פון דער גייסטיקער קולטור הערט אויף די צעטיילונג אף קלאסן.

איז טאקע כדי צו קומען און א קוק געבן אף איינעם פון די „טעמפלען". וואו עס ווערט געשאפן א מאדערנע קולטור. לאמיר אריינקוקן אין איינעם פון די צאלרייכע אמעריקאנישע אוניווערזיטעטן. די טראסטים זיינען גרויסע מאגנאטן, וועלכע לייגן אריין מיליאנען, כדי צו באקומען די בילדונג און וויסנשאפט, וואס איז פאר זיי נויטיק. דער פרעזידענט איז א מענש, וואס די באארד אוו טראסטים האט געדונגען צו טאן איר ווילן. די פראפעסארן זיינען מענשן, וואס דער פרעזידענט האט אנגעשטעלט מיט דער צושטימונג פון די רייכע אייגנטימער פונם „טעמפל". די שילער זיינען מערסטנס קינדער פון די פארמעגלעכע עלעמענטן. פרעגט זיך: וואס פאר א וויסנשאפט קאן דארט געשאפן ווערן? וואס פאר א קולטור ווערט דארט געבוירן? די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז שטאלץ מיט אירע אוניווערזיטעטן. זי אנערקענט זייער גרויסע באדייטונג פאר דער קולטור. דאס איז אמת. זיי זיינען פאבריקן פון קולטור. אבער וואס איז דאס פאר א קולטור? אפילו ווען מיר וואלטן ניט געוואוסט דעם כאראקטער פון די גייסטיקע ווערטן, וואס ווערן געשאפן אין אט־די לערן־אנשטאלטן, וואלט זייער אורשפרונג און צוזאמענשטעל גענוג געווען צו איבערצייגן, אז דא האנדלט זיך וועגן *קאפיטאליסטישער* קולטור.

די פאקטן באשטעטיקן נאר אט־די הנחה. אפילו די נאטור־וויסנשאפטן, וועלכע רעכענען זיך צווישן די עקזאקטע וויסנשאפטן און זיינען געבויט אף עקספערימענטן, האבן אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע אנגענומען אזא כאראקטער, וואס באפרידיקט די אינטערעסן פון די אייגנטום־באזיצער און איז קעגן די אינטערעסן פון אמת'ער וויסנשאפט. וואס־ווייניקער אבסטראקטע טעאריע און וואס־מער פראקטישע אנווענדונג פאר קאמערציעלע צוועקן; וואס־ווייניקער דענקען, וואס־מער טאן — איז די פראגראם פון דער בורזשואזיע. עס איז אן אטעסטאט פון ארימקייט פאר דער בורזשואזער וויסנשאפטס־וועלט, וואס נאר א געציילטע גרופע געלערנטע, ווי מען דערציילט אונז, קאן באגרייפן די טעאריע פון איינשטיינען. פארוואס? ווייל איינשטיין דערהויבט זיך צו הויכן פון אבסטראקטן טעארעטישן דענקען. עס איז א סימן פון ארימקייט, ווען געניאלע פייאיקייטן פון אויסערגעוויינלעכע פארשער ווערן אנגעווענדט אף צו דערפינדן אלערליי טעכנישע קלייניקייטן צו פארגרעסערן די פראפיטן פון די פאטענט־מאנאפאליסטן, בשעת אט־די זעלבעפייאיקייטן וואלטן געקאנט אויסגענוצט ווערן אף אריינצודרינגען וואס־טיפער אין די געהיימענישן פון דער נאטור.

אמשטארקסטן זעט מען אבער די בורזשואזע באהערשונג פון דער היינטיקער קולטור אין די אזוי גערופענע *געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן*: פאליטישע עקאנאמיע, סאציאלאגיע, געשיכטע, יוריספרודענץ.

די דאזיקע וויסנשאפטן שטרעבן צו איין ציל: פארדעקן די ווידערשפרוכן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, לייקענען דעם קלאסן־כאראקטער פון יעדער געזעלשאפט אין דער געשיכטע, לייקענען דעם קלאסן־קאמף אלס די באוועג־קראפט פון דער געשיכטע, פארשטעלן די וויכטיקע פראצעסן, וואס קומען פאר אין דער היינטיקער געזעלשאפט, לייקענען די מעגלעכקייט פון איבערגאנג צו א סאציאליסטישער ארדנונג, דערהויפט דעם איבערגאנג צו סאציאליזם דורך א רעוואלוציע פון דעם ארבעטער־קלאס.

די סאציאלע וויסנשאפטן זיינען אין א ריזיקער מאס באהערשט פון די קאפיטאליסטישע אינטערעסן. דערמיט ווילן מיר ניט זאגן, אז יעדער געלערנטער איז באוואוסטזיניק אונטערגעקויפט פון דער בורזשואזיע. דאס וואלט געווען א צו־מעכאנישע דערקלערונג. דער גרעסטער טייל געלערנטע איז אויפריכטיק. אבער אזוי ווי די מענטשן שטאמען ארויס פון די פארמעגלעכע קלאסן, אזוי ווי זיי זיינען ארומגערינגלט מיט דער בורזשואזער סביבה און האבן אליין באקומען זייער דערציאונג אין בורזשואזע לערן־אנשטאלטן, און אזוי ווי זיי אליין זיינען פרעמד דעם לעבן און די ליידן פונם ארבעטער־קלאס, דעריבער קאנען זיי זיך ניט פארשטעלן אן אנדער געזעלשאפט אף די הורבות פון קאפיטאליזם, דעריבער ווילן זיי דערהאלטן דעם קאפיטאליזם, כאטש אייניקע פון זיי מעגן זיין אומצופרידן מיט די אדער יענע חסרונות פון דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג.

די סאציאלע וויסנשאפטן, ווי זיי ווערן געפראקטיקירט אין דער היינטיקער געזעלשאפט, זיינען שעדלעך פאר דעם ארבעטער־קלאס. זיי קאנען אים נאר פארבלענדן די אויגן, זיי קאנען פאר אים פארשטעלן זיין פלאץ אין דער געזעלשאפט און זיינע אויפגאבן. די ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס לאדן איין בורזשואזע פראפעסארן און פובליציסטן צו האלטן לעקציעס פאר די מיטגלידער, גיבן זיי דערמיט דעם היפוך פון וויסנשאפט און קולטור. דערמיט ווילן מיר ניט זאגן, אז איינצלנע פארשונגען פון די בורזשואזע געלערנטע קאנען ניט אויסגעניצט ווערן דורך די טעארעטיקער פון דעם ארבעטער־קלאס. דער פראלעטאריאט אין די קאפיטאליסטישע לענדער האט ניט קיין אייגענע סטאטיסטישע אפאראטן. געוויסע ברייטע אונטערזוכונגען זיינען פאר אים אוממעגלעך. זיינע געלערנטע מוזן דעריבער אפט נעמען די פאקטן, וואס די בורזשואזע געלערנטע האבן געזאמלט, אונטערזוכן זיי מיט א קריטישן קלאסן־בליק און באלויכטן די פאקטן פונם קלאסן־שטאנדפונקט.

אויב די וויסנשאפט איז באשטימט נאר פאר א קליינער צאל מענטשן, איז די פרעסע און דער מאוווי־טעאטער באשטימט פאר יעדן איינעם. עס איז באמת ניט נויטיק צו פארלירן קיין סך ווערטער צו באווייזן, אז די פרעסע איז קאנטראלירט פון די קאפיטאליסטן און טוט דעם ווילן פון די קאפיטאליסטן. עס איז ניט נויטיק צו באווייזן, אז די פאלקס־שול באצוועקט צו דערציען געהארכזאמע „ראבאטס“, וואס נעמען אן די קאפיטאליסטישע הער־

שאַפט ווי די נאַטירלעכסטע זאַך און פרעגן בכלל ניט קיין שאלות. צו די קולטור־אַנשטאַלטן מוז מען אויך צורעכענען די ק י ר ך מיט אַלע אירע הילפס־אינסטיטוציעס, ווי די יאַנג מענס קרישטשען אַסאָסיאיישאַן, די יאַנג ווימענס קרישטשען אַסאָסיאיישאַן, די יאַנג מענס און יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאַנס א. אַז. וו.

דערמיט האָבן מיר אייגנטלעך שוין רעווידירט דעם גרעסטן טייל פון דער אַזוי גערופענער „גייסטיקער" קולטור. עס בלייבט נאָך די ליטעראַטור און די גראַפישע קונסטן. גענוג אַ קוק צו געבן אַף דעם כאַראַקטער פון דעם אַמעריקאַנישן זשורנאַל, וואָס ער איז דער טרעגער פון דער ליטעראַטור פאַר די מאַסן, כדי איינצוזען דעם בורזשאַזן כאַראַקטער פון אַט־די גייסטיקע ווערטן. דאָס זעלביקע מיט מאַלעריי און סקולפּטור. די צאָל קינסטלער־רעבעלן, וואָס דריקן אויס אַ פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט, איז נישטיק־קליין אין פאַרגלייך מיט די קינסטלער, וואָס פּאַסן זיך אריין אין דער בורזשאַזער געזעלשאַפט, אַקצעפּטירן אירע ווערטן, דריקן אויס אירע אידעאַלן און פאַרשפּרייטן אירע געפילן. אויסנאַמען, וועלכע קריטיקירן די אָדער יענע פעלערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, באַשטעטיקן נאָר דעם כלל.

אַ פאַקט איז, אַז אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, מאַלעריי און סקולפּטור קאָן מען דעם אַרבעטער בכלל ניט באַמערקן. מען קאָן איבערלייענען הונדערטער ביכער און ניט זען אַ באַשרייבונג פון אַרבעטער־לעבן. מען קאָן זען הונדערטער בילדער און סקולפּטורן און ניט באַגעגנען קיין פּראָלעטאַרישן טיפּ. ניט אַלע ביכער אָדער בילדער, וואָס פירן אויף אַרבעטער, זיינען פּראָ־לעטאַריש. עס קאָנען זיך געפינען בורזשואַזע קינסטלער, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אַרבעטער אַלס מאַטעריאַל, אַלס טשיקאַווע געגנשטאַנדן. אין אַנדערע לענדער איז דאָ ניט ווייניק אַזוינע בורזשואַזע קינסטלער. אין אַמעריקע איז אָדם אויך כמעט ניט בנמצא. אין דער אידישער ליטעראַטור קאָן מען יאָ געפינען די אָדער יענע שרייבער, וואָס מאָלן דאָס אַרבעטער־לעבן; אָבער דאָ איז די ליניע צווישן פּראָלעטאַרישע און בורזשואַזע שרייבער אַזוי שאַרף געצויגן, אַז דער בורזשואַזער כאַראַקטער פון די ערשטע איז גענוג קלאָר פאַר די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער.

קורץ: מיר זיינען אַרומגערינגלט פון בורזשואַזער קולטור; מיר זיינען געצוואונגען קעגן אונזער ווילן צו באַגעגענען זיך מיט פּראָדוקטן פון בורזשואַ־זער קולטור; מיר זיינען אפילו אומבאַוואוסט אונטערן איינפלוס פון בור־זשואַזער קולטור. די גאַנצע וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, געהערט דער בור־זשואַזיע און איז באַשאַפן לויטן ווילן און מוסטער פון די הערשנדיקע קלאַסן.

אויב דער אַרבעטער וויל ווערן אַ קעמפער, אויב ער וויל פייאיק ווערן צו פאַרייניקן זיך אַף אומצואוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, דאַרף ער קודם־כל זיך אַוועקשטעלן פיינטלעך קעגן דער בורזשואַזער קולטור. דאָס קאָן

ער נאָר טאָן, ווען ער איז באַוואָפנט מיט פּראָלעטאַרישער קולטור.

פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע   ק ו ל ט ו ר.   אַנטקעגן דער בורזשואַזער קול־טור שטייט די פּראָלעטאַרישע קולטור. אין ערגעץ, אויסער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט דער אַרבעטער־קלאַס נאָך ניט פאַרכאַפּט די מאַכט. אָבער אַפילו אין די לענדער, וואו ער איז אונטערדריקט, האָט ער שוין לאַנג אָנגע־הויבן שאַפן זיין אייגענע קולטור. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט אָט־די קול־טור אַנטוויקלט אויף אַ ריזיקן מאַסשטאַב.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דער אַרבעטער־קלאַס אויפגעבויט די עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע סטרוקטור אויף אַ גאַנץ נייעם אופן. פּריוואַט־אייגנ־טום איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשאַפט, סיי אויף דער ערד, סיי אויף די אַנדערע פּראָדוקציע־מיטלען. אַגריקולטור ווערט קאָלעקטיוויזירט, וואָס דאָס איז אַ טריט צו פולשטענדיקער סאָציאַליזאַציע. גרויס־אינדוסטריע איז כמעט אינגאַנצן סאָציאַליזירט. לוין־פאַרהעלטנישן צווישן פּריוואַט־באַזיצער און פאַרקויפער פון אַרבעטס־קראַפט האַלטן אין פאַרשווינדן און זיינען רעדוצירט געוואָרן צו אַ זייער נישטיקן פּראָצענט.

די פּאָליטישע סטרוקטור איז אין פולן הסכם מיט דער עקאָנאָמישער סטרוקטור. דער סאָוועט, שטאָטישער און דאָרפישער, איז די איינציקע מאַכט. אַרבעט איז דער קוואַל פון מאַכט. דאָס גאַנצע לאַנד ווערט געפירט פון איין פּאַרטיי, וואָס דאָס דריקט אַרויס דעם פאַקט, אַז די רעוואָלוציע איז איינע, די האַרעפּאַשנע מאַסע איז איינע, און עס איז ניטאָ קיין קלאַסן־צוזאַמענשטויס אין די רייען פון דער רעוואָלוציע גופא. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט קיין פּאַרטיי אין דעם זין, ווי מיר קענען פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר דער אַוואַנגאַרד פון די האַרעפּאַשנע מאַסן אין פּראָצעס פון בויען סאָציאַליזם.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטרוקטור פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איינער פון די גוואַלדיקע טיילן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. אין אַנדערע לענדער פאַרמאָגט נאָך ניט דער פּראָלעטאַריאַט קיין עקאָנאָמישער מאַכט, אָבער ער בויט שוין זיין אייגענע פּאַרטיי לויט דעם מוסטער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, און אָט־דער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט איז אַ גרויסע דערגרייכונג. אַ קולטורעלע דערגרייכונג זיינען אויך אַלע אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס פונם אַרבעטער־קלאַס: רויטע יוניאָנס, פּראַטערנאַלע אָרדנס, קלובן, שולן א. אז. וו.

אויפן געביט פון טעאָריע האָט דער אַרבעטער־קלאַס באַשאַפן זיין אייגענע סאָציאַלע וויסנשאַפט, ריכטיקער: אַ סיסטעם פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מאַרקסיזם. די דאָזיקע וויסנשאַפט טרעט צו צו דער געזעלשאַפט מיטן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. זי אַנאַליזירט סיי די פאַר־גאַנגענהייט, סיי נאָך מער די געגנוואַרט פונם שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־אינ־טערעסן. זי קלערט אויף ווער עס שאַפט דעם רייכטום פון דער היינטיקער

געזעלשאַפֿט און ווי אַזוי דער רייכטום איז אַ פּראָדוקט פֿון ניט־באַצאָלטער
מענטשלאַכער אַרבעט. מיט אָט־דעם מעטאָד גייט זי צו צו די פּראָוויקלטסטע
סאָציאַלע דערשיינונגען פֿון אונזער צייט און גיט דעם אַרבעטער־קלאַס אַ
קלאָרע פּאַרשטענדעניש, וואָס מאַכט פֿאַר אים מעגלעך צו געפֿינען זיין וועג
צו באַפֿרייאונג.

דער מאַרקסיזם איז היינט אַן ערנסטע וויסנשאַפֿט, וואָס נעמט אַרום
אַלע צווייגן פֿון סאָציאַלן פֿאָרשן. געשיכטע פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער,
געשיכטע פֿונם אַרבעטער־קלאַס, געשיכטע פֿון רעוואָלוציעס, עקאָנאָמישע טע־
אָריע, עקאָנאָמישע געשיכטע, עקאָנאָמישע געגנוואַרט, אימפּעריאַליזם, עקאָ־
נאָמישע דערקלערונג פֿון פּאָליטישע און יורידישע דערשיינונגען — דאָס אַלץ
ווערט אַף אַ ברייטן אופֿן אונטערזוכט דורך דער מאַרקסיסטישער וויסנ־
שאַפֿט. מאַרקסיזם איז די איינציקע וויסנשאַפֿט, וואָס האָט אַ רעכט אַף
דעם נאָמען.

אָבער אויך אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור און קונסט האָט דער אַרבעטער־
קלאַס שוין פּראָדוצירט זיינע אייגענע ווערטן. אין יעדן לאַנד און אויף יעדער
שפּראַך זיינען פֿאַראַן פּראָלעטאַרישע שריפֿטשטעלער, פּראָלעטאַרישע דיכטער,
פּראָלעטאַרישע מאָלער און סקולפּטאָרן. די דאָזיקע קינסטלער שטעלן זיך
אַוועק אַפֿן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. זיי זעען איין, אַז היינטיקע צייט איז אַ
צייט פֿון שטייגנדיקע רעוואָלוציאָנערע שטורמס. זיי קוקן אויף זייער קונסט
ווי אויף אַ מיטל צו אויפֿקלערן, אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די מאַסן צום
קאַמף — אויף אַזאַ אופֿן און מיט אַזוינע מיטלען, וואָס נאָר די קונסט איז
דאָס פֿייאיק צו טאָן. זיי אינטערעסירן זיך ניט נאָר מיטן אַרבעטער־קלאַס,
מיט די פֿאַרשיידענע פֿאַזן פֿון זיין אַרבעט, לעבן און קאַמף, נאָר זיי קוקן אויך
אויף דער גאַנצער געזעלשאַפֿט און אויף איר פֿאַרגאַנגענהייט מיט די אויגן
פֿון קלאַסן־קאַמף. זיי טראָגן אַריין אין זייערע ווערק דעם בייסנדיקן האַס
צו קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, די גיפֿטיקע פֿאַראַכטונג צו די הערשער
פֿון אונזער וועלט, דעם ברענעדיקן אימפּעט פֿון פּראָלעטאַרישע מאַסן, וואָס
רייסן זיך צום קאַמף, און דעם גרויסן גלויבן אין פּראָלעטאַרישע קרעפֿטן,
וואָס זיינען פֿייאיק אומצוּוואַרפֿן און צעברעכן דעם הערש־אַפּאַראַט פֿון דער
מלוכה און איינפֿירן פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור.

עס איז דער צוועק פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן צו ברענ־
גען אָט־די פּראָלעטאַרישע קולטור וואָס־נעענטער צו זיינע מיטגלידער און צו
די אַרבעטער־מאַסן בכלל.

ק ו ל ט ו ר ־ אַ ר ב ע ט. ווי דאַרף מען דאָס טאָן? פּונקט אַזוי ווי
קאַפּיטאַליסטישע קולטור ווערט געשאַפֿן ניט נאָר אין די קלאַסן־צימערן און
לאַבאָראַטאָריעס, נאָר אין דעם פּראַקטישן לעבן, אין דער עקאָנאָמישער טע־
טיקייט, אין פּראָדוקציע, האַנדל און וואַנדל, אין די פּאָליטישע פֿאַרייניקונגען

און זייער אַרבעט, פּונקט אַזוי ווערט די פּראָלעטאַרישע קולטור אויך געשאַפֿן ניט נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט ביכער אָדער קלאַסן. די פּראָלעטאַרישע קולטור ווערט געשאַפֿן אומעטום, וואו דער אַרבעטער טוט וועלכע־ניט־איז אַרבעט, וואָס פֿירט אין דער ריכטונג פֿון זיין ענדגילטיקער באַפֿרייאונג.

דעריבער איז אַ סטרייק — איינער פֿון די וויכטיקסטע קולטור־טריט פֿונם אַרבעטער־קלאַס. דורך דעם סטרייק ווערט דער אַרבעטער אויפֿגעטרייסלט פֿון זיין דרעמל; ער ווערט אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט זיין קלאַסן־שונא; ער ווערט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער גאַנצער מאַשין פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג; ער דערפֿילט בפּועל ממש די מאַכט פֿון קלאַסן־אייניקייט; ער זעט די קלאַסן־ליניע דורכגעפֿירט אַזוי שאַרף, ווי ער האָט ניט קיין געלעגנהייט דאָס צו באַאָבאַכטן אין זיין טעגלעכן לעבן; ער לערנט זיך אויס צו האַנדלען אין אייניקייט מיט זיינע חברים; ער לערנט זיך אויס נאָכצופֿאָלגן אַ געוויסן פּלאַן; ער פֿאַלט אָן, ער טרעט צוריק, ער מאַנעווורירט; הכלל — ער ווערט אַ בעסערער מיטגליד פֿון זיין קלאַס, ער נעמט אַריין די וויכטיקסטע אידעען, וואָס בילדן דעם פֿונדאַמענט פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. אחוץ דעם ווערט ער אויפֿגעוועקט גייסטיק, וואָס דאָס רעגט אין אים דעם אַפּעטיט פֿאַר גייסטיקע ווערטן.

פּונקט ווי דער סטרייק איז אַ דערשיינונג אויפֿן געביט פֿון פּראָלעטאַרישער קולטור, אַזוי איז יעדע פֿאַראייניקונג פֿונם אַרבעטער־קלאַס, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע. דער אַרבעטער־קלאַס טרעט דאָ אַרויס ווי אַן אָרגאַניזירטער קלאַס; די אָרגאַניזאַציעס נעמען אויף די פֿאַרשיידענע פֿראַגן, וואָס שטייען פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס. די אָרגאַניזאַציעס לערנען אויס דעם אַרבעטער צו האַנדלען אייניק און צו שטעלן די אַלגעמיינע צילן העכער פֿון נען ניט נאָר שולן פֿון קאַמף, נאָר אויך שולן פֿון פֿאַרוואַלטונג איבער געמיינזאַם־פּראָלעטאַרישע אָנגעלעגנהייטן. וואָס־מער דער אַרבעטער־קלאַס איז אָרגאַניזירט, וואָס־בעסער זיינע אָרגאַניזאַציעס פֿונקציאָנירן, וואָס־מער טעטיקייטן זיי כאַפּן אַרום, אַלץ העכער איז די קולטור פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס.

מען מוז דעריבער געדענקען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן אַלס אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַראייניקט עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייטן, איז פֿאַר זיך אַליין שוין אַ וויכטיקער קולטורעלער פֿאַקט. וואָס־גרעסער עס וועט זיין דער אָרדן, וואָס־בעסער זיינע פֿאַרשיידענע קערפּערשאַפֿטן וועלן פֿונקציאָנירן, אַלץ מער וועט דערמיט גופֿא געטאָן ווערן אויפֿן געביט פֿון פּראָלעטאַרישער קולטור. בויען דעם אָרדן איז קולטור־אַרבעט ניט נאָר צוליב דעם, וואָס עס ווערט באַשאַפֿן אַ באָדן פֿאַר דעם פֿאַרברויך פֿון גייסטיקע גיטער, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס דער אָרדן גופֿא איז אַן אָרגאַניזאַציע, ד. ה. ער פֿאַראייניקט דעם אַרבעטער־קלאַס, און וואָס יעדע אַרבעטער־פֿאַראייניקונג, אויב זי איז אַוועקגעשטעלט אויף דער ליניע פֿון קלאַסן־קאַמף, איז פּראָלעטאַרישע קולטור.

די בורזשואזע קולטור־טוער ווארטן, ביז עמיצער וועט קומען און פאר זיי אויסבויען ארגאניזאציעס, וואו זיי זאלן קאנען פונקציאנירן. ווען מען האט פאר זיי שוין געגרינדעט אוניווערזיטעטן און שולן, געעפנט קלאסן און ארגא־ניזירט צייטונגען און אנדערע פלאטפארמעס, פון וועלכע זיי זאלן קאנען פריי־דיקן, קומען זיי און פארשפרייטן זייערע גייסטיקע פראדוקטן. זיי האבן דערביי א טבע צו קוקן מיט גרינגשעצונג אויף די, וואס האבן אויפגעבויט את־די אלע פלאטפארמעס. זיי האלטן דאס ניט פאר אן ארבעט פון קולטור. דער ארבעטער־קלאס קוקט אנדערש אויף קולטור. דאס בויען גופא פון אלערליי ארבעטער־ארגאניזאציעס איז ביי אים אן ארבעט פון קולטור. די ארבעט פון איינעם, וואס גרינדעט א ברענטש פון אינט. ארב.־ארדן, איז ניט וויניקער קולטור־ארבעט, ווי די ארבעט פון דעם, וואס שרייבט די פראָ־גראם פונם ארדן. די ארבעט פון דעם, וואס פארנעמט זיך מיט גאראנטירן א געזונטן בארדן פאר דער פארזיכערונגס־ארבעט פון דעם ארדן, איז ניט וויניקער וויכטיק, ווי די ארבעט פון האלטן לעקציעס אדער רעדאקטירן זשורנאלן. איינס איז פארבונדן מיטן צווייטן. איינס איז ניט אפצוטיילן פון צווייטן.

דער ארדן איז אליין א שטיק פראלעטארישע קולטור. אויב ער וויל אבער באמת פארשפרייטן פראלעטארישע קולטור צווישן אלץ גרעסערע שיכטן פון דעם ארבעטער־קלאס, דארף ער וועקן און רופן די ארבעטער, אז זיי זאלן טאן פאליטישע און עקאנאמישע ארבעט. פיינשמעקער־אינטעליגענטן וועלן זאגן, אז אגיטאציע פאר דער קאמוניסטישער פארטיי איז בעצם ניט קיין קולטור־ארבעט. פראלעטאריער וויסן, אז ארגאניזירן א פראלעטארישע פארטיי איז אן אומגעווייינלעך וויכטיקע, פונדאמענטאלע קולטורעלע אקציע. קולטוריסטן־אינטעליגענטן קוקן מיט פאראכטונג אויף דער ארבעט פון ארגאניזירן א יוניאן. זיי רופן דאס טעכנישע ארבעט. זיי זאגן, אז דאס האט זייער א קנאפע שייכות מיט די הויכע ווערטן פון קולטור, וואס לויט זייער מיינונג, זיינען דאס לויטער גייסטיקע ווערטן. אין די אויגן פון דעם ארבעטער־קלאס איז א יוניאן א פאקט פון גרויסער קולטורעלער באדייטונג. בויען א יוניאן הייסט בויען פראלעטארישע קולטור, און בויען פראלעטארישע קולטור הייסט בויען די קולטור פון דער צוקונפט.

אויב דער אינט. ארב.־ארדן וויל באמת טאן קולטורעלע ארבעט אינם ברייטן זין פונם ווארט, דארף ער זיך אלץ ענערגישער באטייליקן אין אלע אקציעס און אין אלע בוי־ארבעטן פונם ארבעטער־קלאס.

די שטרעבונג צו א נייער וועלט, דער פארלאנג צו צעשטערן די קאפי־טאליסטישע ארדנונג און אויפבויען א נייע, איז איינע פון די טרייב־קראפטן פון דער געשיכטע. אין היינטיקער היסטארישער עפאכע איז דער ארבעטער־קלאס דער טרעגער פון דער צוקונפט. פאר זיינע אויגן שטייט די זעאונג פון א נייער וועלט, וואס איז פריי פון קלאסן־צעטיילונגען און פון עקספלואטאציע,

אַ וועלט פון באַפרייטער אַרבעט און באַנייטער מענטשהייט. דאָס דאָזיקע בילד ווערט געשפּרייזט דורך דער טעטיקייט פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די שטרעבונג צו פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און אָנצוהייבן בויען אַ סאָוועטישע אָרדנונג אין די איצט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז, פאַר זיך אַליין, אַ גרויסע קולטור־קראַפט. עס איז די אויפגאַבע פון דעם אינט. אַרב.־אָרדן, אויב ער וויל טאָן אַרבעט אויפן געביט פון פּראָלעטאַרישער קולטור, צו סטימולירן און אַנטוויקלען אָט־די שטרעבונג. דאָס ליגט אויף אים אַרויף די פליכט צו ברענגען צו די אַרבעטער־מאַסן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען, מיט אַלע זיינע שוועריקייטן, מיט אַלע שונאים, וואָס שטייען אויפן וועג פון זיין אויפבוי, אָבער אויך מיט אַלע זיינע דערגרייכונגען און מיט דעם געוואַלדיקן היסטאָרישן אויפשוואונג, וואָס באַצייכנט דעם 5־יאָריקן פּלאַן און וואָס וועט אַלץ מער פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע, שטאַרקן דעם מוט און וועקן די ענערגיע פון די אַרבעטער־מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט.

פּ אָ ל י ט י ש ע ד ע ר צ י א ו נ ג. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס וועלן נויטיק זיין ניט נאָר די אָקאָרשט־דערמאָנטע טעטיקייטן, נאָר אויך דערציאונגס־אַרבעט אינם ענגערן זין פונם וואָרט, ד. ה. ביכער, בראָשורן, לעקציעס, דיסקוסיעס, קלאַסן, קאָנפערענצן וועגן אַלערליי פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן, וואָס שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס. עס וועלן זיך געפינען שמאָלע מענטשן, אפשר צווישן די מיטגלידער פונם אָרדן, וואָס וועלן טראַכטן, אַז דער אָרדן אַלס אַזעלכער דאַרף ניט אַרויסגעבן קיין ביכער און בראָשורן אָדער אָרגאַניזירן סיסטעמאַטישן אונטערריכט צווישן די אַרבעטער אויף דער טעמע וועגן דעם קריזיס אָדער וועגן דער אַרבעטער־פאַרזיכערונג, אָדער וועגן דער קאָלאָניאַלער פראַגע. זיי וועלן פרעגן: וואָס קער זיך עס אָן מיטן אינט. אַרבעט.אויב ער וויל, אַז די אַרבעט זאָל זיין פּראָלעטאַריש, מוז ער פאַרשפּרייטן צווישן זיינע מיטגלידער און צווישן די אַרבעטער בכלל אַ געניטע אַרב.־אָרדן? דער ענטפער איז, אַז אויב דער אָרדן וויל טאָן קולטורעלע פאַרשטענדעניש וועגן דער געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, און וועגן די אויפגאַבן פונם אַרבעטער־קלאַס. אין דעם פּרט איז די שטעלונג פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַרשיידן און איר אידעאָלאָגיע אַנדערש ווי די שטעלונג פון בורזשואַזע אינטעליגענטן. יענע וואָלטן אַ בעלן געווען אָפּציען דעם אַרבעטער פון אינטערעסירן זיך מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיי האַלטן אין איין טענה'ן, אַז דאָס איז ניט קיין קולטור. אין דעם ווי אין אַנדערע פּרטים טוען זיי (צי זיי ווייסן דאָס צי ניט) דאָס געבאָט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז פאַראינטערעסירט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך וואָס מער אינטערעסירן מיט פייגעלאַך אין דער לופטן אָדער פייגעלאַך אין בוזים און וואָס־ווייניקער מיט זייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע.

דער אינט. אַרב.־אָרדן האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט אין דעם פּרט אויף אַ ריכטיקער ליניע. איינער פון זיינע ערשטע טריט איז געווען — צוגרייטן

קאָנספּעקטן פאַר איינלייטונגען און דיסקוסיעס איבער דרינגנדיקע פּאָליטישע פראַגן: דעם וואַל־קאַמף, די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין איצטיקן מאָמענט, דעם 5־יאָריקן פּלאַן, דעם ציוניזם א. אַז. וו. דער זשורנאַל, וואָס דער אָרדן גיט אַרויס, באַנוגנט זיך אויך ניט מיט די ריין־טעכנישע פראַגן פון דעם אָרדן (כאָטש זיי דאַרפן דאָרטן פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ), נאָר ער גיט אָפּ אַ באַדייטנדיקן אָרט פאַר פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. דער אָרדן דאַרף פאָרטזעצן זיין אַרבעט אין דער ריכטונג. ס'ווערט געמעלדעט, אַז די ערשטע צוויי קאָרעספּאָנדענץ־קורסן, וואָס ער אָרגאַניזירט, וועלן האָבן צו טאָן איינער מיט די גרונד־פּרינציפּן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, דער צווייטער — מיט די גרונד־פּרינציפּן פון נאַטור־וויסנשאַפטן. אויך דאָס איז אַ גוטער אָנהויב. מען קאָן ניט האָבן קיין ברייטע, ערנסטע קלאַסן־באַוועגונג, אויב די מיטגלידער זיינען ניט באַקאַנט מיט די גרונד־פּרינציפּן פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, און מען קאָן ניט האָבן קיין גענויע פאַרשטענדעניש וועגן די לעצטע, ווען מען האָט ניט קיין באַגריף וועגן די הויפּט־געזעצן, וואָס באַהערשן די נאַטור. עס פאַרשטייט זיך, אַז די קורסן זיינען פּאָפּולערע. זיי זיינען אויסגערעכנט אויף אַ ברייטן לערן־קרייז. אָבער דער אינט. אַרב.־אָרדן וועט דאַרפן אַרויסגעבן אויך גאָר ערנסטע וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף אַלע געביטן. דער אָרדן גרייט זיך אָרגאַניזירן אַ פאַרלאַג. דאָס איז אַבסאָלוט נויטווענדיק. און זאָלן די מיטגלידער ניט רעכענען, אַז דאָס איז אַ ביי־זאַך אָדער אַ לוקסוס־זאַך. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן אויפן געביט פון קולטור. מען פאַרשפּאָרט דערמאָנען, אַז די דאָזיקע אַלע קאָנספּעקטן, ביכער און קורסן דאַרפן זיין דורכגעפירט אינם מאַרקסיסטישן גייסט, ד. ה. אין גייסט פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

דערציאונג אינם ענגערן זין. עס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער אינט. אַרב.־אָרדן זאָל אַריינעמען אונטער זיינע פליגלען די אַרבעטער־קינדער־שולן, וואו דער יונגער דור ווערט דערצויגן אינם גייסט פון קלאַסן־קאַמף. אין דער שול־סיסטעם גייען אַריין עטלעכע מיטל־שולן. דער אָרדן באַקומט אויך אַ דעה אינם אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט. דאָס שטעלט אים דירעקט אַוועק אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע דערציאונגס־אינסטיטוציעס צווישן די אידישע אַרבעטער. די אַרבעט איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און זי דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט פאָרזיכט און לויט די נייסטע דערגרייכונגען פון דער פּראָלעטאַרישער פּעדאַגאָגיק. ווען מען רעדט וועגן קינדער, האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר וועגן דערוועקן דעם קאַמפּס־גייסט, נאָר אויך וועגן אַנטוויקלען די נויטיקע געוואוינהייטן צום קאַמף און פאַרפלאַנצן אין די יונגע מוחות די נויטיקע קענטעניש, וואָס די צוקונפטיקע קעמפער וועלן דאַרפן האָבן, — אָבער טאָן דאָס אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט.

איינער פון די גרונד־פּרינציפּן פון מאָדערנער פּעדאַגאָגיק איז: לערן

ניט נאָר דורך ווערטער; לערן דורך מעשים. די בורזשואזע פּעדאַגאָגן, וועלכע פּוצן זיך מיט ראַדיקאַלע פראַזן, האָבן גאַרניט געהאַט קעגן דערציילן די קינדער אין די געוועזענע „אומפּאַרטייאישע" שולן, אַז דער אַרבעטער דאַרף זיין פריי, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ גוטע זאַך, אַז לענין איז געווען אַ גרויסער מענטש א. אַז. וו. — נאָר וואָס דען: זיי האָבן נאָכאַנאַנד צוריקגעהאַלטן די קינדער פון באַטייליקן זיך אין די קלאַסן־אַ ק צ י ע ס פון זייערע עלטערן און פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער בכלל. זייער מאָטאָ איז געווען: דאָס אָרט פון אַ קינד איז אין דער היים אָדער אין שול. די פּראָלעטאַרישע מאָטאָ איז: דאָס אָרט פון אַ קינד איז אויף דער ליניע פונם קלאַסן־קאַמף. די „ווייכהערציקע" בורזשואזע קולטור־טוער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די לינקע שטעלן אין געפאַר זייערע קינדער, ווען זיי שיקן זיי אויף דער פּיקעט־ליין. די דאָזיקע בני־רחמנים האָבן אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפט צו די קינדער ווי זייערע עלטערן גופא, — וואָס דאָס אַליין באַווייזט, אַז אין זייער רחמנות איז געלעגן אַ פאַלשקייט. די אינטעליגענטן האָבן אין דעם פּרט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע. וואָס־ווייניקער די קינדער וועלן זיך באַטייליקן אין דעם פּאַקטישן קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס, אַלץ ווייניקער וועלן זיי האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען רעוואָלוציאָנער. וואָס־מער אַבסטראַקט עס וועט זיין פאַר זיי די לערע וועגן אַרבעטער־קלאַס, אַלץ ווייניקער וועט זיך אין זיי דערוועקן דער פאַרלאַנג צו קעמפן פאַר קאָנקרעטע פאָדערונגען און אינטערעסן.

די פּראָלעטאַרישע שול דאַרף זיין ניט נאָר אַ שול פון לערנען, נאָר אויך אַ שול פון קאַמף. קאַמף קומט פאַר אין פּראַקטישן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן. איין פעלד פון קאַמף איז די רעגירונגס־שול. אין די אַרבעטער־שולן דאַרפן די קינדער אַנטוויקלען זייער רעוואָלט־גייסט קעגן דער רעגירונגס־שול. פון דער אַרבעטער־שול דאַרפן זיי ברענגען אָנווייזונגען און מאַטעריאַלן, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן די אייזערנע געזעצן פון דער בורזשואזער שול. דאָס וועט, חלילה, שאַדן די קינדער אין די אויגן פון די בורזשאַזע לערער, באַקלאָגן זיך עלטערן. זיי וועלן נאָך, זאָל גאָט היטן, באַקומען שלעכטע „מאַרקס". מיר זאָגן: זאָלן זיי בעסער באַקומען שלעכטע „מאַרקס" און זאָל מען זיי איינמאָל און צוויי מאָל אויסשליסן פון דער שול פאַר רעוואָלוציאָנערער האַלטונג, איידער זיי זאָלן אויסוואַקסן שקלאַפן, וואָס בויגן זיך פאַר קאַפּיטאַל און קושן די הענט פון נאַטשאַלסטוואָ. די תורה, וואָס מ'לערנט זיך אָן, מ'שטייענסגעזאָגט, אין די קאַזיאָנע פּאַבלקס־שולן, איז ווערט אַזוי ווייניק, אַז עס איז ניטאָ קיין סך צו פאַרלירן. געווינען אָבער קאָנען די קינדער זייער קעמפערישע נשמה, זייער גרייטקייט צו שטיין אין די ערשטע רייען פון די פּראָלעטאַרישע באַטאַליאָנען פון דער צוקונפט.

קאַמף אַרום דער רעגירונגס־שול איז נאָר איין אָפּטיילונג פון דער שול פון קאַמף, וואָס די קינדער דאַרפן דורכגיין. מאַי־דעמאָנסטראַציעס, אָקטאָבער־

דעמאָנסטראַציעס, לעניןְ־יאָרצייט־דעמאָנסטראַציעס, דעמאָנסטאַציעס אויפֿן פּיקעט־ליין, באַטייליקונג אין אַנדערע אַרויסטרעטונגען פֿונם אַרבעטער־קלאַס דאַרפֿן זיין אַ וויכטיקער טייל פֿון דעם לערן־פּלאַן פֿון די פּראָלעטאַרישע שולן. אַז דאָס לערנען פֿון אַלערליי געגנשטאַנדן דאַרף צוליב דעם ניט פֿאַרנאַכלעסיקט ווערן, נאָר פֿאַרקערט, עס דאַרף דורך דעם פֿאַרשטאַרקט און וויטאַליזירט ווערן, איז איבעריק צו רעדן. אונזערע שולן דאַרפֿן זיין אַ מוסטער פֿון וויסנשאַפֿטלעכער און סאָציאַלער צוגרייטונג און דערציאונג.

אונזערע קעגנער זאָגן אויף אונז, אַז מיר שאַפֿן אַ שול פֿון אַסימילאַציע. דאָס איז ניט ריכטיק. אַסימילאַציע, ווי זי איז פּראַקטיקירט געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע און דורך די סאָציאַליסטן פֿונם „פֿאָרווערטס"־שניט אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, האָט געשטרעבט אָוועקצושטעלן דעם אידישן אַרבעטער אונטער דער השפּעה פֿון דער ענגלישער בורזשואַזער קולטור. מיר ווילן ניט אַוועקשטעלן די אַרבעטער אָדער זייערע קינדער אונטער דער ווירקונג פֿון קיין שום בורזשואַזער קולטור. מיר ווילן זיי אַוועקשטעלן אונטער דער ווירקונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. מיר ווילן זיי אַליין פֿאַרוואַנדלען אין בויער פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור. צוליב דעם צוועק ניצן מיר **אַלע** שפּראַכן, וועלכע זיינען צוגענגלאַך פֿאַר די מאַסן. צווישן אידישע אַרבעטער ניצן מיר די אידישע שפּראַך.

מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פֿון אידישער געשיכטע אָדער געשיכטע פֿון דער אידישער ליטעראַטור, ווי עס זאָגן אונזערע קעגנער. מיר ווילן נאָר דעם למוד פֿון געשיכטע און ליטעראַטור־געשיכטע באַלויכטן מיט דעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז.

ליטעראַטור און קונסט. פּראָלעטאַרישע דערציאונג נעמט אַריין ניט נאָר אידעען און וויסן, נאָר אויך ליטעראַטור און קונסט. דער איז ניט קיין גוטער קעמפּער, ווער עס האָט ניט אַנטוויקלט **אַלע** זייטן פֿון זיין פּסיכיק. אַזאַ אַנטוויקלונג פֿאָדערט אויך דעם איינפֿלוס פֿון קונסט. פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע, פּראָלעטאַרישע דערציילונגען און ראָמאַנען, פּראָליטעראַרישע טעאַטער, פּראָלעטאַרישע סינעמאַ, פּראָלעטאַרישע מאַלעריי און סקולפּטור, פּראָלעטאַרישער טאַנץ, פּראָלעטאַרישע מוזיק — זיינען ניט אָפּצוטיילן פֿון דער אַלגעמיינער קולטור־אַרבעט און דאַרפֿן פֿאַרנעמען אַ בכבוד'יקן פּלאַץ ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. עס איז דעריבער געווען אַ גוטער אָנהויב, וואָס דער אָרדן האָט שוין אין די ערשטע חדשים פֿון זיין עקזיסטענץ זיך פֿאַרבונדן מיט דעם „אַרטעף", דעם פֿרייהייט־געזאַנג־פֿאַריין, די מאַנדאָלין־אָרקעסטרען א. אַז. וו. אַ פֿאַרשטענדעניש איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן צווישן דעם „פּראָלעטפּען" און דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. עס איז די אויפֿגאַבע פֿון דעם אָרדן צו פֿאַרייניקן אונטער זיין שוץ און ווירקונגס־קרייז אַלע אַרבעטער־קולטור־אינסטיטוציעס מיט אַ קינסטלערישער טענדענץ.

די בורזשואזע קריטיקער האָבן אונז אָפּט באשולדיקט, אז מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער ירושה, אז מיר הייבן אָן די ליטעראַטור־געשיכטע אָדער קונסט־געשיכטע, אָדער טעאַטער־געשיכטע מיט די שרייבער פון היינטיקן טאָג. דאָס איז ניט ריכטיק, ווי אַ סך פון די בורזשואזע באהויפּטונגען. מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון שטודירן די געשיכטע פון ליטעראַטור און קונסט. מיר האַלטן, אַז עס איז וויכטיק פּאַרן ארבעטער־קלאַס צו זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע, ניט נאָר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער, נאָר אויך קולטורעלער. אָבער פּונקט ווי עס איז וויכטיק פאַר די אַרבעטער צו האָבן אַ ריכטיקן בליק אויף דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט, ד. ה. פאַרשטיין די קלאַסן־קרעפטן, וואָס האָבן פּראָדוצירט יענע פאַרגאַנגענהייט, אַזוי איז אויך וויכטיק פאַר די אַרבעטער צו האָבן אַ קלאַסן־בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון ליטעראַטור און קונסט.

עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אינט. אַרב.־אָרדן, לייגנדיק זיין הויפּט־געוויכט אויף דער באַקאַנטשאַפט מיט דער היינטיקער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און קונסט, וועט רעקאָמענדירן זיינע מיטגלידער אויך צו שטודירן די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום־עליכם און נאָך עלטערע קינסטלער. נאָר וואָס דען? ער וועט דערביי זען, אַז די שטו־דירער זאָלן פאַרשטיין דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון יענע ווערק און זאָלן זיי קאָנען אַוועקשטעלן אויפן ריכטיקן פּלאַץ אין דער סיסטעם פון די ווערטן, וואָס די קלאַסן פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן פּראָדוצירט אין יעדער עפּאָכע. דאָס לייגט אַרויף אַ באַזונדערע פליכט אויפן „פּראָלעטפּען“ און אויף דעם אינט. אַרב.־אָרדן, וועלכער דאַרף שטיין אין אַ באַציאונג פון ווירקונג און קעגן־ווירקונג מיטן „פּראָלעטפּען“ — צו אַרבעטן מער ענערגיש אויפן געביט פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיק און פּראָלעטאַרישער לי־טעראַטור־ און קונסט־געשיכטע. אין דעם פּרט איז די פּראָלעטאַרישע ליטע־ראַטור אין אַמעריקע צוריקגעשטאַנען ווי אין אַלע איבעריקע פּרטים.

פּראָלעטאַרישע מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור און טאַנץ דאַרפן ערשט גע־שאַפן ווערן. מיר האָבן אין דעם פּרט נאָר אָנהייבן, צוזאָגן, פּראָבן. מיר האָבן אַ ריי קינסטלער, וואָס זיינען גרייט צו אַרבעטן אויף די אַלע געביטן. עס איז דאָ דער דזשאָן ריד קלוב, וואָס פאַראייניקט קינסטלער און שריפטשטעל־לער מיט פּראָלעטאַרישע סימפּאַטיעס. עס איז דאָ דער רוסישער שרייבער פאַריין „סערפּ און האַמער“. עס זיינען פאַראַן ענלעכע גרופּן אין אַנדערע שפּראַכן. דער א. א. א. וועט דאַרפן שטיין אין ענגער פאַרבינדונג מיט די אַלע גרופּן, זיי סטימולירן, פאָדערן פון זיי אַרבעט פאַר די פאַרשידענע ברענ־טשעס און פאַר׳ן אָרדן אַלס אַ גאַנצן און אויף אַזאַ אופן העלפן אַנטוויקלען אויך אָט דעם צווייג פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

די שפּראַכן־פּראַגע. דאָס ברענגט אונז דירעקט צו דער פּראַגע וועגן דער שפּראַך פון׳ם א. א. א. ביז אַהער איז די אָפיציעלע שפּראַך

געוועז אידיש. דאָס איז אָבער נאָר אַן אָנהייב. די קאָנפערענץ פֿונ׳ם 30טן מערץ האָט וועגן דעם געזאָגט דאָס פֿאָלגנדיקע:

„דער פּראָטערנאַלער אָרדן דאַרף געבויט ווערן ניט נאָר פֿון איי־דישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פֿון אָרגאַניזאַציעס פֿון אַנדערע שפּראַכן. מיט אַנדערע ווערטער: דער אָרדן דאַרף זיין אַן אינטער־שפּראַכיקע, אינטערנאַציאָנאַלע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע.“

עס וועט לאַנג ניט אָוועקגיין און נייע שפּראַך־גרופּן, אונגאַרישע, רוסישע, אוקראַאינישע, טשעכאָ־סלאָוואַקישע און אַנדערע וועלן זיך אָנשליסן אַן דעם א. א. וו. די אויפגאַבע פֿון דעם אָרדן בלייבט די זעלבע פֿאַר אַלע שפּראַך־גרופּן. אָבער אַזוי ווי יעדע איינע וועט דאַרפֿן אָנפֿירן איר טעטיקייט צווישן מאַסן פֿון פֿאַרשידענע שפּראַכן, איז נאַטירלאַך, אַז יעדע איינע זאָל טאָן די אַלגעמיינע קולטור־אַרבעט אויף איר אייגענער שפּראַך.

דער אָרדן דאַרף דעריבער זיין אי צענטראַליזירט, אי פֿאַרמאָגן ברייטע שפּראַך־אויטאָנאָמיע. די געשעפֿטלעכע זייט פֿונ׳ם אָרדן: טויטן־פֿאַרזי־כערונג, קראַנקן־פֿאַרזיכערונג און אַנדערע דאַרפֿן זיין קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרוואַלטונג. די אַלגעמיינע ליניע פֿון דער קולטור־אַרבעט דאַרף אויך באַשטימט ווערן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרוואַל־טונג, אָבער מיט דעם תנאי, אַז אין איר זאָלן האָבן אַ געניגנדיקע פֿאַרטרע־טונג די פֿאַרשידענע שפּראַך־טיילן פֿונ׳ם אָרדן. די דורכפֿירונג אָבער פֿון די אַלגעמיינע אויפֿגאַבן אינ׳ם ספּעציפֿישן געביט פֿון די מאַסן, וואָס רעדן פֿאַרשידענע שפּראַכן, בלייבט אינגאַנצן אין די הענט פֿון יעדער שפּראַך־סעקציע באַזונדער.

עס איז דאָ ניט דער פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין דעטאַלן פֿון דעם אָר־גאַניזיר־פּלאַן. עס איז נאָר געננג אָנצומערקן די הויפּט־פֿאָדערונג פֿון צענט־ראַליזירטער געשעפֿטלאַכער פֿירערשאַפֿט, צענטראַליזירטער אידעאָלאָגישער פֿירערשאַפֿט און ברייטסטער אויטאָנאָמיע פֿאַר די פֿאַרשידענע שפּראַך־טיילן פֿון דעם אָרדן.

דאָס וועט הייסן, אַז לעקציעס, דיסקוסיעס, איינלייטונגען, ביכער, בראָ־שורן ווערן אַרויסגעגעבן פֿאַר דעם אידישן טייל פֿון דעם א. א. א. אויף אידיש, פֿאַר׳ן טשעכאָ־סלאָוואַקישן אויף טשעכאָ־סלאָוואַקיש, א. א. וו. דאָס וועט הייסן, אַז די פֿאַרהאַנדלונגען אין די פֿאַרשידענע ברענטשעס ווערט אָנגע־פֿירט אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן. דאָס וועט אויך הייסן, אַז עס ווערן גע־גרינדעט אַ סך ענגליש־שפּרעכנדיקע ברענטשעס מיט אַ ספּעציעלער ענגלי־שער סעקציע, וואָס וועט באַזאָרגן די מיטגלידער מיט קולטור־אַרבעט אויף זייער אייגענער שפּראַך. דאָס וועט אָבער אויך הייסן, אַז עס ווערט איינ־געשטעלט אַ נעענטערע באַציאונג צווישן די פֿאַרשידן־שפּראַכיקע ברענטשעס. ביי גרויסע אַלגעמיינע אונטערנעמונגען, ווי מאַסן־מיטינגען, מאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס אָדער מאַסן־ימים־טובים קומען זיך צוזאַמען אין יעדער שטאָט

די ענגלישע, אידישע סלאוואקישע, פוילישע און אנדערע ארדן־מיטגלידער, באגעגנען זיך פנים אל פנים, פירן דורך די זעלביקע אקציע און פילן זיך ווי מיטגלידער פון איין און דער זעלביקער ארגאניזאציע. אז די געמיינזאמע פארקער־שפראך צווישן אט די מיטגלידער וועט זיין ענגליש, איז זעלבסט־פארשטענדלאך. אז די אבער, וואס רעדן איין שפראך, וועלן ניט קוקן מיט גרינגשעצונג אויף די, וואס רעדן אן אנדער שפראך, איז אויך זעלבסטפאר־שטענדלאך. עס וועט אויף אזא אופן פארווירקלאכט ווערן אין א ד א פ ל ט ן זין דער נאמען פונ׳ם ארדן. ער וועט זיין אן אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן אין דעם זין, וואס ער שטייט אויפ׳ן באדן פון דער אינטערנאציאנאלער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג, און ער וועט זיין אן אינטערנאציא־נאלער ארבעטער־ארדן אין דעם זין, וואס ער פאראייניקט ארבעטער פון פאר־שידענע שפראכן און פארשידענעם נאציאנאלן אפשטאם. אין דעם פרט, ווי אין אלע אנדערע פרטים דארף ער אוועקשטעלן אויף זיין פאן די אלט־נייע ווערטער:

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

ADDRESSES OF JEWISH CHILDREN'S SCHOOLS OF THE I. W. O.

NEW YORK AND VICINITY:

1. Bronx 1—353 Beekman Ave. .... Sandler
2. " 2—1622 Bathgate Ave. .... Korn
3. " 3—652 E. 156th St. .... Chaver-Paver
4. " 4—508 W. 178th St. .... Avgustovsky
5. " 5—2109 Arthur Ave. .... Ch. Goldman
6. " 6—1645 Grand Concourse .... Rose Siegel
7. " 7—3204 Wallace Ave. .... Korn
8. " 8—1078 Tiffany St. .... Wiener
9. " 9—549 W. 204 St. .... Avgustovsky
10. " 10—1400 Boston Rd. .... Glass
11. " 11—2700 Bronx Park East .... Ronch & Maisel
12. " 12—959 E. 173rd St. .... Stern
13. " 13—749 Crotona Park North .... Wiener
14. " 14—2061 Bryant Ave. .... Strugatch
15. " 15—736 Fox St. .... Zukerman
16. " 16—1210 Elder Ave. .... Mozer
17. Harlem—143 E. 103rd St. .... Goldberg
18. Downtown 1—134 E. 7th St. .... Tarant
19. " 2—84½ Lewis St. .... Tarant
20. Williamsburgh 1—261 Tompkins Ave., Bklyn. .... Bergman
21. " 2—80 Cook St., Bklyn. .... Shaposhnick
22. " 3—322 South 5th St., Bklyn. .... Podolsky
23. Brownsville 1—1844 Pitkin Ave., Bklyn. .... Leib
24. " 2—1565 St. Marks Ave., Bklyn. .... Leib
25. " 3—563 Stone Ave., Bklyn. .... Grossfield
26. Eastern Parkway—261 Utica Ave., Bklyn. .... Shaposhnik
27. East New York—962 Sutter Ave., Bklyn. .... H. Epstein
28. East Flatbush 1—241 E. 94th St., Bklyn .... Harrari
29. " 2—442 E. 96th St., Bklyn.
30. Boro Park 1—1373 - 43rd St., Bklyn.

31. " 2—4312 New Utrecht Ave., Bklyn.
32. Bensonhurst 1—2006 - 70th St., Bklyn.
33. " 2—2500 - 65th St., Bklyn.
34. Bath Beach—48 Bay 28th St., Bklyn.
35. Brighton Beach—140 Neptune Ave., Bklyn.
36. Coney Island—2901 Mermaid Ave.
37. Staten Island—110 Victory Blvd.
38. Canarsie—9128 Ave. L., Bklyn.
39. High School—143 E. 103rd St., N. Y.
40. Passaic, N. J.,—743 Main Ave.
41. Paterson, N. J.—3 Governor St.
42. Newark, N. J.—93 Mercer Ave.

ADDRESSES OF JEWISH CHILDREN'S SCHOOLS OF THE I. W. C. (OUTSIDE OF NEW YORK)

Stamford, Conn.—49 Pacific St.
South Norfolk, Conn.—10 Madison St.
Hartford, Conn.—2003 Main St.
Springfield, Mass.—139 Orange St., c/o Goldblatt
BOSTON:
Chelsea—453 Broadway
Roxbury—42 Venona St.
Brockton—
Malden—417 Cross St.
Winthrop—297 Shirley St.
Revere—105 Shirley St.
Peabody—2 Smidt St.
Boston 8—
" 9—
Detroit, Mich. 1—9148 Oakland Ave.
" " 2—2540 Grant Ave.
" " 3—9894 Goodwin Ave.
" " 4—
" High School—9894 Goodwin Ave.
Cleveland—3454 E. 118th St.

Chicago 1—947 N. Leavitt St.
" 2—3349 Potomac Ave.
" 3—1522 Carlow St.
" 4—
" 5—
Los Angeles, Cal. 1—2706 Brooklyn Ave.
" " " 2—3162 Wabash Ave.
Philadelphia, Pa. 1—S & Ritner Sts.
" " 2—2456 N. 30th St.
" " 3—4045 Gerard Ave.
" " 4—1747 N. Wilton St.
" " 5—1331 N. Franklin St.
" " 6—341 Wyoming St.
" " 7—
" High School—4045 Girard Ave.
Trenton, N. J.—7 Union St.
Baltimore, Md.—1206 E. Baltimore St.
Washington, D. C.—
Norfolk, Va.—708 E. Freemason St.
Portsmouth—c/o Goldblatt, 710 High St.
Toronto, Ont., Canada—424 Spadina Ave.
Montreal, Canada—62 Rachel St., E.
Rochester, N. Y.—c/o Blum—402 Joseph Ave.

שוין אַרויס פון דרוק שוין אַרויס פון דרוק

דער נאָוועמבער נומער (רעוואָלוציע נומער)

„קינדערלאַנד"

זשורנאַל פאַר אידישע ארבעטער־קינדער

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיסיע פון לערער־ראַט פון די אידישע קינדער־שולן ביים א. א. א.

$1.00 אַ יאָר. — — פראָווינץ $1.25 — — — איינצל נומער 15 סענט

פאַרקויף אין אַלע אידישעקינדער שולן ביים א. אַ. אַ.

הויפּט־פאַרקויף:

143 איסט 103טע גאַס, ניו יאָרק

טעלעפאָן ליהיי 2940.

„שול פאַרלאַג"

פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן

אַרויסגעגעבן פאַר די פּראָיעקטן, וואָס ווערן געלערנט אין די אידישע קינדער שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.

אַמעריקע

פּרייז 35 סענט

פאַר שולן 20 סענט

שטאַט

(48 זייטן) פּרייז 25 ס.

פאַר שולן 15 ס.

רוסישע רעוואָלוציעס

(96 זייטן) פּרייז 45 ס.

פאַר שולן 30 ס.

לענין...

(96 זייטן) פּרייז 45 ס.

פאַר שולן 30 ס.

דער פאַבריק קוימען סטרייקט

פון ש. דאַווידמאַן

3 סענט

דאָס ערשטע נעגערל

פון ש. דאַווידמאַן

3 סענט

כאַווער לענין האָט געזאָגט

פון ש. דאַווידמאַן

3 סענט

פאַר שולן 2 ס. אַ ביכעלע

— עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק נאָך 4 ביכלאַך —

מיט באַשטעלונגען ווענדט זיך אין

INTERNATIONAL WORKERS' ORDER, Inc.

32 Union Square **New York, N. Y.**

פארשלאגס־בלאנק

פילט אויס דעם בלאנק און גיט עס איבער דעם סעקרעטער פון ברענטש
אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן

נאמען — — — — — — — — — — — — — — ווי אלט — — — —

אדרעס — — — — — — — — — — — — — — — — —

באשעפטיגונג — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צו וועלכער יוניאן באלאנגט איר — — — — — — — — — — — — —

מאן — — — — — — — — — פרוי — — — — — — — —

פארהייראט — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינגעצאלט — — — — — — — — פאר — — — — — — — חודש

פארגעשלאגן פון — — — — — — — — — — ברענטש נומער — — —

Myold Printing Co., Inc. 161 Grand St., New York